STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03911

# DI VINER KARETE

Moishe Altman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה אַלטמאן

# די ווינער קאַרעטע

## און אנדערע נאָוועלן

פארלאג „שלום עליכם" בוקארעשט
1 9 3 5

Copyright by M. Altman
Bucarest

טיראזש ; 100 עקזעמפלארן נומערירט
100—1 אויף וועלין און 900 עקז.
אויף עדיציע-פאפיר.

# Careta Vieneza și alte nuvele
de M. Altman

Editura „ȘALOM ALECHEM" București

YIDDISH SEP 25

# די ווינער קאַרעטע

PUBLIC LIBRARY

## א.

# די לייוויקלאַך

דער אנטיקוואר וואָס דרייט זיך ארום צעווישן זיין אלט־וואַרג, קער געוויס האָבן מאָמענטן פון פארצווייפלונג. ער מוז זיך מן־הסתם נישט איינמאל פרעגן: „צו וואָס טויגן אט די אלע אלטע אנטיקן, בשעת דאָס לעבן ארום קאָכט און וואַרפט ארויס פון זיך ווי א וואולקאַן, אלץ נייע און נייע עקזעמפּלאַרן?...״ ער מוז, דער אנטיקוואַר, פארמאגן אַ סך ליבע צו זיינע שמות, און אָט די ליבשאפט, זי קער אים ראטעווען אין שווערע מאָמענטן. ווי שווער אבער מוז זיין יענעם, וואס וויל זיין נישט נאָר אַן אַנטיקוואר, נאָר מאכן לעבן דורות לאנג־פארשוואונדענע? די דאָזיקע אמביציע, זי איז אָן ספק א סימן פון קראַנקהאפטיקייט, פון א ערנסטן פסיכישן פעלער.

און דאָך אזוי, איך וועל דערציילן די געשיכטע פון בתיה לוויס.

און דערציילן איז שוין דהיינט דא פון איר, פון בתיהן, וויפל פונם אַש פון א ציגאַר. אָבער אז א יידענע, ווי בתיה לויס, האָט זיך געקענט פאַרמעסטן אויף א זאך, וואָס נאָר די גאָר גרויסע האָבן געוואַגט? און אפשר וועלן מיר דער־פון עפּיס אָפּלערנען.

געשטאַמט האָט בתיה פון אַ משפחה, וואָס גערופן האָט מען זי: „די לייוויקלאַך". פון ווען דער נאָמען האָט זיך געצויגן, איז שווער צו זאָגן. קיין יחוס-בריוו זענען נישט געבליבן און די מסורה פון דער משפחה האט זיך געהאלטן אין לפי ערך נאָענטע דאטן: א קלויז וואס איינער פון דער משפחה זאָל האָבן אויפגעבויעט. דערביי האָט מען דערציילט, אז ער האָט די קלויז געבויעט ממש, נישט געקוקט ווי אַנ-דערע ארבייטן, נייערט אליין געפירט וואסער, געבראכט ליים און זאמד, געקנאָטן, און געשמירט די ווענט. ווייטער האט מען דערציילט פון א אנדערן גליד פון די לייוויקלאַך, אז ער האט אמאָל באגעגענט אליהו הנביא און אז אליהו האט אים געזאָגט: נתן, וואָלסט געמעגט אהיים פאָרן חתונה מאכן דער מיזינקע", האט נתן — אזוי הייסט עס, האט ער געהייסן — פארשטאנען, אז ער וועט אינגיכן שטארבן, איז ער אהיים געפאָרן, חתונה געמאכט דער מיזינקע, און צו די אכט טאָג געשטאָרבן, כאָטש ער איז נאָך גאָרנישט געווען אזא זקן און א גאנץ קרעפטיקער.

און ענליכע אזעלכע געשיכטעס, וואָס מען קען זיי הערן אין א מענגע שטעטלאך, צעווישן אלטע משפחות.

פארוואָס מען האָט זיי גערופן „די לייוויקלאַך" איז פון די געשיכטעס נישט צום דערקלערן. איינס איז אבער זיכער: עס איז געווען א גרויסע און פארצווייגטע משפחה, פון די עלטסטע אין דעם קאנט. קיין גרויסע גבירים, קיין אדירים, איז צעווישן די לייוויקלאַך — ביז מעכלען, וועגן וועלכן מיר דערציילן שפעטער — נישט געווען. קיין גרויסע סוחרים, טראסקערס, אויך נישט. אזוי זיך — מיטעלע מענטשן. און ווייל סאיז געווען אַ פאַרצווייגטע משפחה, איז געווען צעווישן זיי פארשידענע: אָרימע, פארמעגליכע און יורדים... פון וואנעט זשע האט זיך צו זיי גענומען דער שטעל און די פעסטקייט? די גרויסע תקיפות און דער עזות קעגן קהל,

אקעגן גבירים און אקעגן פרנסים ?... ווייל זיי האבן גע־שטעלט אויף זיך, די לייוויקלאך. קיין דרך-ארץ נישט געהאט, נישט פארן רב, נישט פארן בעל-טאקסע, נישט פארן וואר־כערניק און אפילו נישט פאר נאטשאלסטווע. און איינער פון זיי האט געהאט אמאָל א גרויסן פראָצעס מיטן מלכות און געמוזט עוקר זיין. סאיז א סברה, אז יענער איז עס טאקי געוועזן דער דאָזיקער לייוויק, דער ערשטער פון די לייוויק־לאך.

נאָכפאָרשן די זאך איז דאך נישט מעגליך. סע קען גע־מאָלט זיין, אז דער דאָזיקער לייוויק, וואָס האָט מורד געווען אין מלכות, איז גאָר געווען א שפּעטערדיקער, נאָר סיי ווי האָט עס צו אונזער ענין נישט קיין באזונדערע שייכות און ווען אפילו יאָ, וועט שוין דער לייענער אליין אויסגעפונען.

בתיה, וועלכע מען האָט גערופן בתיה לויס, איז געווען פונם סאמע שטאם פון די לייוויקלאך, פון יענעם צווייג, וועלכער האט זיך גערעכנט נאך דעם לייוויק, וואָס האט גע־מוזט אנטלויפן פארן מלכות און געלאָזט נאך זיך שפורן אין אלטע און בארימטע יידישע שטעט, ווי א שטייגער סטאניסלאוו, בודאַפּעשט. אין איר, אין בתיהס משפחה, אין דעם אָפּשטאם פון וואנען זי האָט געצויגן דעם שורש, זענען איבערגעגאן פון טאטע צו זון בריוו און כתובות, וואס יענער לייוויק זאָל האבן געשריבן מיט זיין האנט, און פון וועלכע מען האָט געזען, אז דער לייוויק איז געווען א גרויסער קינסטלער אין כתיבה. סאיז א סברה, אז די קונסט זיינע האט אים גורם געווען צו זיין פארטריבן פון זיין היים: ער זאָל האָבן, הייסט עס, נאָכגעמאכט חתימות און סתם פאפירן פון גאָר גרויסע לייט.

מען האָט אָבער נאָך זאכן נאָכדערציילט נאָך דעם לייי־וויקן: אז ער איז געווען א גרויסער מנגן, פארמאָגט א שטים, אן אמתע שאגת-ארי. און אז ער האָט אמאָל גענומען

אויבערשטע טענער, האָט מען געהערט אויף צווי וויאָרסט ארום.

וויזן, ווייזט אויס, אז ער איז געווען זער א אומרוהיקער מענטש, נישט געקענט איינזיצן אויף קיין אָרט, מיט קיין מענטשן נישט געהויזט, זיך נישט געהאלטן לאנג אין איין שטאָט און זיין גאנץ לעבן געווען נע-ונד.

אט דאָס איז בקיצור, וואס מיר ווייסן וועגן די לייוויק-לאך. אויך איז באוואוסט געווען אין יענעם קאנט צו אלטע לייט, אז זיי זענען געווען איבערגעגיבענע חסידים. אבער אין בתיהס משפחה איז די חסידות איינגעשטאנען בא די נקבות. די זכרים — סוחרים, לומדים, טרודע מענטשן. און דאס חסידות ירשענען די טעכטער.

אזוי אויך — בתיה.

ב.

# בתיה אנ׳אלמנה

עס פארשטייט זיך פון זיך, אז ווייבאלד בתיה האָט געירשנט דאס הסידורת, האָט זי אויך געטון די שידוכים מיט די קינדער. געוויינטליך, פלעג זי קודם פאָרן צום רבין זיך האלטן אנ׳עצה און אז דער רבי האָט געגיבן זיין הסכמה, פלעג זי אהיים פאָרן, אָפגיבן דעם מאן אירן, דעם טרודן סוחר און באהאלטענעם מתנגד, מזל-טוב. ביי די טעכטער האט זי איבערגעקליבן, געזען אז דער איידעם זאָל זיין פון חסידישן גראד, ער זאָל זיין א שיינער מאנספארשוין. און בא די זין פלעג זי אוועק קוקן, געזוכט דערעיקרשט א אָנשפאָרונג... דער מאן, דער טרודער סוחר, האָט זיך אין די זאכן נישט געמישט.

אזוי איז געווען כל זמן ער האָט געלעבט. און אז ער האָט פלוצים געטון א שטארב אוועק, נאָכדעם ווי זיי האָבן שוין געהאט אויסגעגיבן אינאיינעם צוויי זין און דריי טעכטער, האָט זי ממילא שוין נישט געהאט וועמען צו פרעגן.

תכף נאָכן מאנס טויט, האָט זיך בתיה ארומגעקוקט, אז זי איז געבליבן אנ׳אלמנה, א מאמע פון פיר היבשע יתומים, איז זי אוועקגעפאָרן צום רבין זיך האלטן אנ׳עצה. דאָרטן

האָט זי זיך באגעגנט מיט נאָך א חסיד, אַנ׳אַראָפּציער *) פראָסטן עושר, און א שידוך געטון.

א היים געקומען איז בתיה א שטראַלענדיקע, א געטרייסטע, גלייך דער מאַן איז איר לעבעדיק געוואָרן, זי איז ארויפגעפאלן דעם זון, דעם גבורהדיקן פּוסט-און-פּאַסניק אויפן האלדז:

— מזל-טוב, זון, ביסט צו מזל א חתן געוואָרן.

דער אַראָפּציער פּראָסטער עושר האָט קיין לאנגע שהיות נישט געמאכט, אויסגעשטאנען די חתונה מיט אלע הוצאות און פארנומען מעכלען צו זיך, אין זיין ווייטן אַראָפּציער שטעטל.

א יאָר צען האָט בתיה נאָך, ווי סאיז, זיך געמוטשעט, געווען א באלעבאָסטע, חתונה געמאכט די אנדערע צוויי זין, נאָר אז סאיז געקומען צו דער מיזינקע, האָט זי שוין געמוזט פארקויפן די דירה, איינטיילן די קינדער ירושה, און אויסגיבן דאָס שיינע מיידל פאר א פארמעגליכן אלמן אין א דאָרף אריין.

אָפּגעפליעסקעט ווי סאיז די חופה און ארויסגעפראוועט די טאָכטער אין דאָרף אריין, האָט בתיה צונויפגענומען איר הלבשה מיטן בעטגעוואנד וואָס איז איר נאָך פארבליבן, זיך אָפּגעזעגנט מיט די קינדער, איבערגעלאָזט בסוד פאר די איבריקע, אַ פּאָר יאַסיקעס און א באהאלטן קניפּל דער מיטעלסטער טאָכטער דער אָרימסטער, און אליין אוועקגעפאָרן אראָפּצי צום רייכן זון, צו מעכלען, מיטן געדאנק דאָרטן צו פארבלייבן.

*) „אראָפּצי״ רופט מען אין בעסאראביען און מאָלדאָווע, דעם דרום-טייל פון די פּראָווינצן. די „אראָפּציער״ יידן פלעגן באטראכט ווערן מצד די צפונדיקע אלס עמי-הארצים.

דאָס אראָפּציער שטעטל, וואו מעכל׳ האָט געוואוינט, איז געווען ווייט פון בתיהס געבורט-שטאָט. קיין ברוקירטע שאָסייען פירן ניט אהין, א באן איז יאָ דאָרטן ערגיץ געווען אין יענעם קאנט, אבער זער ווייט פונם שטעטל, און אפילו ווען סאיז נאָענט, וואָלט זיך בתיה ניט געווען איינגעשטעלט צו פאָרן מיט איר. איז זי אהיים, אין איר געבורט-שטאָט, געפאָרן זעלטן: איין מאָל אין יאָר אויף קבר-אבות און אזוי אמאָל, ווען א זון צי א טאָכטער האבן חתונה געמאכט. נאָר ווייל די קינדער זענען געווען אָרים, פלעג זי זיך מער זען מיט זיי, ווען עמיצער פון זיי איז געקומען נאָך הילף צו מעכלען, דעם רייכן ברודער. און אז דער נויטבאדערפטיקער איז געקומען אהיים, פלעג ער צום אָנהויב אָנדערציילן זיך נסים ונפלאות וועגן מעכלס גרויס עשירות און דערנאָך שוין גענומען דערציילן, וואס פאר אן אכזר דאס איז, אז סאיז ביי אים ארויסצורייסן א קערבל, ווי ביי א הונט אויס די ציין... און די מאמע... נאָר דערביי פלעגן די טעכטער וויינען און די זין האָבן געצופּט די בערד און געקוקט מיט א באהאלטענעם תרעומות צום רבונו-של-עולם:

— די מאמע לאָזט ער נישט אריין אין שטוב אריין. אין קיך מיט דער דינסט מוז זי זיצן.

כאָטש אזוי, יעדעסמאל ווען בתיה פלעג קומען צופאָרן אין איר געבורט-שטאט, האָט מען געזען, אז זי זיצט ווי אויף קוילן, און מ׳דהאָט בא איר קיינמאָל נישט געקענט פועלן, זי זאָל פארבלייבן כאָטשבי נאָך אויף א שבת.

די טעכטער איז עס געווען א גרויס פארדראָס: סטייטש, זיי זענען קיין בעז אויג אכט קינדער, זין און טעכטער, חוץ — זיי זאָלן געשענקט זיין! — אייניקלאך, און דאָרטן האָט זי איין זון, אזא רשע, און מען חלשט: „מאמע בלייב כאָטש נאָך אויף א שבת”... און זי וויל אפילו נישט הערן.

און אז בתיה האָט פלוצים אנגעהויבן צו־פאָרן ניט צו אירע קינדער, נאָר גאָר צון א אלטער חברטע אירער, א גליד געשוועסטערקינד, וואס האָט געוואוינטביים וועג וואו מען קומט אָן פון דעם אראָפציער שטעטל, האבן די טעכטער אָנגעהויבן שמועסן צווישן זיך, אז די אלטע קער אודאי מאכן א קניפל לעם דער רייכער פראָסטער שנור און די צעלאָזענע אייניקלאך. האבן זיי גענומען צו־שטיין צון איר, אמאָל אינאיינעם, אמאָל איינציקווייז:

— וואָס זשע, מיר זענען חלילה נישט קיין קינדער, מיר דארפן נישט מקיים זיין קיין כיבוד־אם ?...

און די עלטסטע טאָכטער, די בכבודיקע און קלוגע, האָט אמאָל צוגעגיבן:

— א פנים, דו שעמסט זיך מיט אונז, מאמע, ווייל מיר זענען אָרים ?...

בתיה האט זיך דאָך נישט געלאָזט איבעררעדן און געטון דאָס איריקע.

די שנורן אָבער, וועלכע ד׳האָבן שלעכט געלעבט מיט די שוועגערינס, די טעכטער, איבער דער ירושה און איבער עפיס שטוב־זאכן, וואָס מ׳האָט כלומרשט שלעכט פארטיילט, האָבן געזוכט אויסצוגיסן זייער ביטער הארץ אויף דער שווי־גער און געטריבן רכילות, אז די אלטע איז א „פרעסערין און א זויפערין". א סימן, זי האט אויפגעפרעסן דעם שווערס פאר־מעגן... אזא פארמעגן!.. און צוליב דעם, הייסט עס, האלט זי זיך ביים רייכן זון... און איינמאל האָט זיך מישב געווען די יונגסטע שנור, וועלכע האָט זיך ניט גוט געלעבט מיטן מאן און גע־דאכט האָט זיך איר, אז דעם מאנס שוועסטער מאכן איר א בעז לעבן, האָט זי אָפגעטשיפערט, ווען די שוויגער איז גע־קומען צופארן אויף קבר־אבות, איז זי ארויפגעגאנגען צו דער אלטער ווייטער קרובה, וואוהן די שוויגער האָט אָנגע־הויבן פארפאָרן די לעצטע יאָרן, איז זי אהין געקומען מיט

אנ׳אויסרייד׳ אויסגענארט דער אלטערס קלומיקל׳ און אין דרהיים אריינגערופן א פּאָר שכנות און׳ פאר יענע אין די אויגן׳ געעפנט דאָס בינטל. האָט מען געפונען דאָרטן עטלעכע פּאטשיילעס׳ גוט צונויפגעדרייטע און פארקנופטע און אין זיי א קראנץ מיט פייגן׳ א שקארמיץ מיט ראָזשינקעס און׳ עפּיס אזוי זיך׳ נישט איינגעוויקעלט׳ עטלעכע צוזאמענגע־קלעפּטע צוקערקעלעך.

די יידענע איז געווען א שוואַכע און פון איר ביז צו דער ווייטער קרובה דער שוויגערס — א מהלך רב׳ און צו דערצו האָט זיך געמאכט גאָר אהייסער טאָג׳ ווי סע טרעפט אום אלול׳ איז זי געווען זער מיד. און דאָך אזוי איז זי באלד אוועק צו די שוועגערינס׳ די אנדערע שנירען׳ און האָט זיי אָפּגעטראָגן דאָס נייעס. און אלע אינאיינעם ד׳האָבן גענומען פיקן די מענער א גאל:

— איר האָט א מאמע א פ ר ע ס ע ר י ן!

דאָס חשכות וואָס האָט זיך דעמולט געטון אין דער מש־פחה׳ איז נישט צום באשרייבן. די מיטעלסטע טאָכטער׳ די אָרימסטע איז אוועק צו דער עלטסטער׳ דער בכבודיקער און האָט זיך דאָרט געהארגעט אין קאָפּ אריין. די עלטסטע׳ אָן א שאל אפילו אויף די אקסלען׳ איז ארויפגעלאָפן צו דער שוועגערין׳ איר געמאכט א פינצטערע בעזהאלאוויע׳ איר מיטן מאן׳ דעם שיינעם זון׳ מישטיינס געזאָגט׳ און דערנאָך ארויס אויף דער גאס מיט א פארפלאמטן געוואלד:

— אזא חצופה! האבן אַפּאָטעפּאַלנאָסט צו זאָגן אויף מיין מאמען׳ אז זי איז א פרעסערין!... שיקסע!...

די שנירען האָבן זיך באהאלטן אין א מויזן-לאָך. נאָר וואָס האָט געהאָלפן? אָפּגעטון איז אָפּגעטון. די זין האבן זיך געגריזשעט צעווישן זיך׳ מיט די ווייבער האט מען זיך ניט גע-גט. בתיה האָט אויפגעהערט צו פאָרן אין איר אלטער היים. אפילו ניט אויף קבר אָבות.

ג.

# א גוטער סימן

זי אָבער, בתיה, איז אויף איר שנור ניט ברוגז געוואָרן. פאַרקערט, זי האָט געזען אין איר א גוטן שליח און אין דעם וואָס זי האָט געטון, א גוטען סימן.

תחילת, אז סאיז געקומען אלול, האָט זי נאָך געצויגן אהיים. נאָר געפאָרן איז זי נישט. און דאָס נישט פאָרן האָט זי נישט אזוי געארט, ווי דאָס טפשות פון די קינדער. „אזא טפש, אזא טפש", האָט זי געטראכט: „אנהענגען אינם פרעס!... ווייל זי, בתיה האָט דאָך געוואוסט דעם אמת, אז האלטן האלט זי זיך דאָ, ביים שלעכטן זון, טאקי צוליב זיי, צוליב די קינדער. און דאס צופאָרן די לעצטע יאָרן צו איר ווייטער קרובה, נישט צו איר בלוט און פלייש, איז דאָך אויך געווען נאָר צוליב זיי, צוליב די קינדער. ווארין, עפיס אזוי-אָ, קיין עין-הרע, צעוואקסט זיך א משפחה מיט זין און טעכטער און שנירן און איידעמס און, קיין בעז אויג, איי-ניקלאך, און איינס איז חלילה נישט קראנק, און — אל תפ-תח פה לשטן! — פון אוועקקומען איז אָפגערעדט. און אז זי האָט געזען, ווי דאָס צעוואקסט זיך און צעשפרייט זיך פון דער זייט פרוט און פון יענער זייט פרוט און טראָגן טראָגט עס איר נאָמען: בתיה לויס, פון בתיה לויס הויז-

געזינד, איינס אום איינס, דעמבעס אין וואלד, ווי אזוי זאָל זי נישט מורא האבן פאר א גוט-אויג?

זי האָט שוין לאנג אויפגעהערט צו רעכענען די צאל פון די אייניקלאך און זי וואָלט שוין אפשר געווען באשטאנען, זיי זאָלן זיך מערער גרויסן אין מזל. האָט עס אבער מורא געהאט צו ברענגען אויף די ליפן, עס זאָל מיט איר חלילה ניט געשען ווי מיט יענער יידענע, וואָס זי האט א זאג גע-טון, אז זי האט שוין ניט קיין כלים, האט אויפגעהערט רינען דער בוימאייל...

האט עס איר תחילת געארט דאס נישט קענען פאָרן אויף קבר-אבות. און דערנאך האט זי זיך פאמעליכען ביי זיך איבערגעלעגט און פארשטאנען, אז אזוי דארף זיין און אזוי איז אפשר גלייכער. האט זי זיך געטראכט ביי זיך: בתיה׳לע האט געפלאנצט א שיינעם גארטן און דער, וואס אייביק לעבט, האט אים געבענטשט און דער זכות פונם הייליקן צדיק איז איר בייגעשטאנען.

און איינמאָל האט זי זיך דערמאנט יאקבי, אז תיכף נאכן מאנס טויט, האט זי אים שטארק דערקוטשעט דעם רבין, זי האט געוואלט ער זאל איר צוזאגן, אז זי וועט נישט האבן קיין געבראכן הארץ, און אז דער רבי האט איר כמעט ווי צוגעזאגט. סהייסט נישט ממש צוגעזאגט, נאר אזוי ווי צו-געזאגט.

— בתיה, האט ער איר געזאגט, היט דיך פאר א גוט-אויג.

היט זי, בתיה, דעם גאָרטן. שונאים מיט טויזנטער אויגן לויערן אויף אים און ווילן אים שלעכטס טון, אבער אזוי לאנג דער שומר איז דא, האבן זיי נישט קיין צוטריט.

האט זי זיך נאך געטראכט, אז דאָס בעסטע פאר א שומר איז: זיך אויסצובאהאלטן... און וואו קען זיין פאר איר א בעסער באהעלטעניש, אז נישט דא אין דעם פרעמדן שטעטל, וואו קיינער קען זי נישט און ווייסט זי נישט? האָט זי

זיך ווידער געטראכט, אז דער וואס לעבט אייביק האט אומיסטן אזוי געפירט, די שנירן זאלן ברענגען דערצו, אז זי זאל נישט קענען פארן אין איר היים, וואו איין האלבע שטאט קער זיך אן מיט איר און די אנדערע האלבע שטאט זאגט זיך אן מיט איר קרובים, כדי זי זאל זיך גרינגער אויסבאהאלטן בא מעכלען אויפן הויוון אין קיך... אַי דאס וואס מעכעל איז זי מבזה און באגייט זיך מיט איר ווי מיט דער ערגסטער שלעפערין, איז א סימן, אז דער גוטער מאכער רעדט אים אן, כדי ער זאל זי צוריקברענגען אין איר היים! האט זי אָנגענומען אַלצדינג פאר ליב, אבי אירע קינדער זאל נישט שאטן. ווארין, ווער איז מחויב מער ווי זי ? זי האט געפלאנצט, זי דארף היטן. יואס טוט א שומר, אז סע שנייעט, אז סע רעגענט ?

אַי מעכעלס עבירה ? כיבוד-אם ? איז זי אים אלצדינג פון פריער מוחל. און צוריקגערעדט, איז דאך מעכעלס קיך שענער, ווי א אנדערענס שטוב, און אנגעשפיגעוועט מיט אלדאס גוטס !...

איז אויף דער נאכט, אז זי כאַפּט זיך ארויף אויפן הויוון און לעגט צו די פלייצעס צום קוימען, איז דאך דארטן דער אויפנהויוון אינמיטן-דערוואך װארימער, ווי בא א אנדערן אום שבת. א קלייניקייט, וואס מען קאכט און מען באקט דארטן איבער א טאג !... זיצט זי און ווארעמט זיך אויס א יעדן אבר, און כייווע די דינסט, דאס ערלעכע קינד, פאר-ריגעלט די טיר, שטעלט אוועק דאס לעמפל אויפן עק-הויוון, זעצט זיך אליין אויבעט אוועק אויפן הויוון, מיט די פיס אויפן פרימעסט אראָפּ, און לייענט אין דער הויך א מעשה-ביכל, און זי, בתיה, הערט. הערט און האָט ווילד הנאה. שיינע מעשה׳ס... זי ווייסט ווי זיי הייסן... דער חרם... דער כוהן... זי געדענקט זיי אלע אויסענווייניק. קאַרג כיבוד-אם איז דאָס ? און אמאָל טרעפט זיך, סאיז שפעט אין דער

נאכט, זי דרימעלט און זעט חלומות, פארשידענע חלומות, קומט צולויפן די פרומע פראָסטע שנור, אין הוילן אונטער־ראָק, מיטן שאל אויף די נאקעטע אַקסלען, און טאָרעט זי:

— שוויגער, שוויגער, נעמט באַהאלט... טאָמער דארפט איר עפּיס...

און זי רוקט איר אריין א קערבעל. און דערנאָך שטייט זי לעם אויוון און בעט:

— זייט אים מוחל, דעם משוגענעם, איר זאָלט חלילה קיין בעז הארץ ניט טראָגן...

זיצט שוין הערנאך בתיה א גאנצע נאכט און שעפּטשעט פון שלאָף מיט די אלטע ליפּן:

— רבונו של עולם, די שנור זאָל מיר זיין געזונט, און דער זון זאָל מיר זיין געזונט, און די אייניקלאך...

זי דערמאנט זיך אלעמאל אין א אנדער קינד, אין אנדערע אייניקלאך און אור־אייניקלאך און זי חזרט איבער די תפילה נאָך אמאָל און נאָך אמאָל, ביז זי פאַרפּלאָנטעט זיך אין די נעמען.

PUBLIC LIBRARY
DETROIT MICH

ד.

# פאַרגעסן

זענען אַוועקגעגאַנגען יאָרן, ווי זיי פלעגן אַמאָל גיין. שטיל אָן א שאָרך, און בתיה איז מיט דער צייט אזוי גע־וואוינט געוואָרן, אז זי האָט אפילו ניט גערן אפגענומען א גרוס פון דער היים. פלעג אַמאָל דער שלעכטער זון זיך דערוויסן, אדער אויסקלערן פונם קאָפּ און איר דערציילן, אז דיע צי יענע פון אירע קרובות, א שני שבשני, צי א שלישי שבשלישי, האָט זיך געפעלט... האָט זי אים באלד אויסגערעכנט, אז זיין מאמע איז די יונגסטע פון די חברטארענס געווען... און אז יענער צי יענע, ווייט אָפגעשיידט זאָל זי זיין, איז געוועזן מיט א קאסע יאָרן עלטער פון איר.

אויפדערנאכט פארן לעגן זיך, האָט זי געבעטן כייווע די דינסט, דאָס ערלעכע קינד, זי זאָל מוחל זיין גוט צוריגלען די טיר און, אויב עמיצער וועט חלילה קלאפן ביינאכט און פרעגן אויף איר, אויף בתיה לויס, זאָל זי ענטפערן, אז אזוינע איז דאָ ניט פאַראַן... זי האָט אליין פארשטעקט דעם קוימען, נאָר מיט די ליפּן געליינט קריאת-שמע און געטראכט מיט א שטילער טרייסט, אז דאָ אין דעם שטעטל איז זי א ווילד-פרעמדע, אז מעכלען רופט מען נישט אויף איר נאָמען,

נאָר אויף זיין שווערס גאָמען, און סע ווייסט קיינער נישט, צי זי געפונט זיך דאָ בא מעכלען אין קיך.

אין דער צייט, האָט די עלטסטע טאָכטער אויסגעגיבן די קינדער, די יונגסטע שנור האָט אויפגעהערט קינדלען, פרנסה איז געוואָרן ווי קריעת ים-סוף, נאָר צו מעכלען נאָך הילף איז מען ניט געפאָרן, מהאָט געוואוסט, ער גיט נישט. אין בתיהן האָט מען ווי פארגעסן... אמאָל נאָר, אין א כמאַרנע גאנצפרי, כאפט זיך אויף די מיטעלסטע טאָכטער, די אָרים-סטע, וואס, פון זינט דער עלטערער איידעם און די איבער-געוואקסענע מיידלעך זענען אוועקגעגאן קיין אמעריקע, האָט זי אנגעהויבן זען אזוינע וואונדערליכע חלומות: עפיס א שיף גרויס ווי די שטאָט, און זי איז געפלויגען איבער א ברייט-ברייט וואסער... און איינמאל האָט זי זיך דערמאנט, אז דעם אייגענעם חלום האט זי געהאט מיידל-ווייז, האָט איר דער טאטע עליו-השלום פותר געווען צו גוטן: זי וועט וואוינען איבער א וואסער און וועט באגליקן... טרעפט אמאָל, אין א כמארנע גאנצפרי, זי כאפט אויף זיך דעם פארעלטערטן שאל און לויפט מיט די אונטערגאסן צו גיטלען, דער עלטערער. ביי יענער אין אלקער ווייגט זי זיך גוט אויס: זי האָט געהאט א שלעכטן חלום.

— ווער ווייסט, צי די מאמע איז נאָך דאָ...

גיטל שיקט מיט אנ'אייניקל, צי — אויב קיין אייניקל איז נישטאָ בא דער האנט — מיט א שכנס א קינד, א פארבליבן שבת-ליכטל אין קלויז אריין, זי זוכט אויס אין דער אויס-געליידיקטער שפייז-שאפע א טאָרבעלע מיט גרויפן, צי מיט פאסאָליס, און גיט עס דער אָרימער שוועסטער אונטערן שאל ארונטער, און בייט זי אָן:

— טייערע שוועסטער, איך בייט דיך, לעמאנאשעם, איך דאַרף נייטיק האָבן ס'טאָרבעלע.

שפעטער, ביים אָנבייסן, דעם שטילן אָנבייסן פון א אלט פּאָרפּאָלק, שמועסט זיך גיטל איבער מיטן מאן, מיט שואלן, אזוי זיך, מיט האלבע ווערטער, מיט רמזים. זי ווישט א טרער און ר׳ שואל, א פארקלערטער, שארט פון זיך פאמע-ליך, מיטן רוקן פון דער דלאָניע, די ברעקלעך און — אז סאיז דא א פרעמדער אורח ביים טיש — דערקלערט ער יענעם גלאט אזוי:

— די שוויגער... שוין קיין עין הרע א זקנה.

און פלוצים פאלט אראָפּ א גרוס. ר׳ שואל טרעפט אין קלויז, צעווישן מנחה-ומעריב, א פרעמדן יונגענמאן. גיט ער אים אָפּ שלום און דערוויסט זיך, ער איז פון מעכלס שטעטל.

— מעכל?

— אנ׳אדיר!

— מאה אלף?

דער יונגערמאן שמייכלט.

— דהיינו?

— דהיינו?... אריבער צוויי מאל מאה אלף!

— די מוטער? ווענעמס מוטער?... אַ — אַ!... ער זעט זי אמאָל אין הויף...

יאָ, יענע וואָך געזען... אַ פּאָלנע מענטש!

אויפדערנאכט, פארן לעגן זיך, ערגיץ אין מיטן קריאת-שמע, דערמאנט זיך ר׳ שואל אינם גרוס, טוט א מאך מיט די הענט, איז ניט מפסיק, און ערשט שפעטער, ביים אראפּ-ציען די ווייכע חסידישע שטיוול:

— אָ-וואַ, גיטל, כהאָב גאָר פארגעסן. כהאב היינט אָפּגע-נומען א גרוס פון דער מאמען. קיין עין הרע פּאָלקאָם.

גיטל ווישט זיך די הענט אינם האנטוך וואס הענגט אויפן טירל פונם אלקער :

— איך בין נישט ווערט צו דערמאנען זיין נאָמען... לאָז ער איר דערלעבן די יאָרן... א מאמע...

און מען פארגעסט אויף א צייט.

ה.

# מעכעל

און מעכעל וואַקסט. און וואָס מער ער וואַקסט אין עשירות, ווערט די משפחה אין יענעם היימישן שטעטל, אַלץ מער דערנידערט. און וואס מער יענע גייט עס שפּלדיקער, גייט אַלץ מעכעל אין די הויכע מדריגות. מעכעל וואַקסט פון טאָג צו טאָג. פון שעה צו שעה! מעכעל אויף דרום, מעכעל אויף צפון, מעכעל-פּאָסעסיעס אין בעסאראביען, מעכעל פּאָסעסיעס אין מאָלדאָווע, מעכעל-וועלדער, מעכעל-מילן. גרויסע בענק, אין ווייטע שטעט, דערוויסן זיך פון מעכלען, שדכענען זיך צו אים:

—נעם געלט... געטרויע געלט...

און מעכעל זיצט אין זיין אראָפּציער סקאָסנע שטעטל, זיצט אויפן שטעטל, און לאַכט פון דער וועלט, מיט אירע נגידים און גבירים וואָס לעבן פון לופט. ביי אים זענען דאָ טאַבונען פון הונדערטער פערד. אין די אָקולען שטייען הונדערטער אָקסען, אין די אַרטאָפּעס טויזנטער שאָף, און אַלע פּריצים פון ארום ליגן אין זיין פּייער-קאַסע.

וואַקסען בא אים קינדער דעמבעס, ווילד ווי די חיות, ביז סע ווערט גרויס און ער מאכט חתונה און שפּאנט איין דעם זון, צי דעם איידעם אין מסחר, אין פּאָסעסיע, גיי

האָרעווע און קוק צו מיר אין דער זשמעניע אריין. לאכט מעכעל פון דער גאָרער וועלט און, וואו נאָר ער קען, מאכט ער יענעם קאליע, און קיינער קען אים גאָרניט טון. א מלך.

וואָלט ער דאָך געדארפט זיין צופרידן? ווארין, ממה-נפשך: רייך, געזונט, מיט געזונטע קינדער, און דער רשע אין דיר איז אויך אָנגעזעטיקט מיט הנאָה. וואָס זשע נאָך ווילסטו?

איז ער נישט צופרידן. סע באקומט אים נישט. ער האָט אַ דאָרן אין אויג: די מאמע. די אלטע מאמע...

סע באקומט אים נישט זיין גאנץ עשירות. רק ער טראכט, ווי אזוי זי צו פטרן. ער האָט געפרואווט מיט גוטן און מיט בעזן זי ארויספּראווען צו יענע קינדער און געזען, אז סע העלפט נישט, איז ער געקומען אין אזא רציחה, אז ווען נישט די מורא, וואָלט ער ווער ווייסט וואָס געוועזן געטון.

פרעגט זיך: וואָס? וואָס האָט זי אים קאליע געמאכט, משטיינס געזאָגט? מען זאָגט, סע מאכט זיך, די שנור וויל נישט ליידן. איז דאָס וייב מעכעלס געווען א פּראָסטע כשרע יידישע טאָכטער, מורא געהאט פאר אַן עבירה און סאקי געהאט א גוט הארץ. און חוץ דעם האָט זי געהאלטן פון מעכעלס משפחה א וועלט און זיך מיט איר מיחס געווען.

אָדער סע טרעפט, דער זון קומט ארויס פון כאָזדאַרגער און שפּילט אוף, הויבט זיך אָן פירן פריציש, שעמט ער זיך מיט זייניקע. עס איז אודאי זער געמיין און נידריק, אָבער סע מאכט זיך. איז דאָך אבער בתיה געווען נישט פון קיין כאָזדארגע. און מעכעל אליין האָט זיך געפירט ניט-פריציש. פארקערט, וואס רייכער ער איז געוואָרן, אלץ פּראָסטער האָט ער זיך געפירט, פיינט געהאט גבירים ווי חזיר, זיך געחברט נאָר מיט ארימע לייט, אבי זיי זאָלן זיין חסידים פון זיין רבין. אליין פלעג ער זעלטן טראָגן א נייעם מלבוש.

און אז סע פלעגן קומען צופאָרן צו אים גרויסע סוחרים אָדער באַנק-מענטשן פון די גרויסע שטעט, פלעג ער שוין אומיסטן אנטון דאָס ערגסטע מלבוש און צעריסענע שיך... צו וואָס? אויף צולהכעיס...

וואָס זשע, פרעגט זיך, האט אין דעם מעכלען אזוינס געאַרבייט, ער זאָל זיך אזוי אוממענטשליך באַגיין מיט זיין מאמען? ער איז דאָך נאָך געווען דערצו א חסיד און א למדן!

מוז מען זאָגן: דער שטן.

והראיה:

איין מאָל שיקט מעכעל רופן די אַלטע מאמע אין עס-צימער אריין און בעט זי זיצן, און מאכט צונ'איר מיט א פרום קול, מיט גוטן:

— מאמע, כהאָב געהאט א בריוו פון אונזער שואלן. ער שרייבט מיר, אז זיי זענען אליין, ער מיט גיטלען, און ווען איך זאָל זיי אונטערהאלטן מיט צען קערבלעך א חודש, אַלע חודש, וואָלטן זיי געקענט לעבן במנוחה.

ער קוקט אויף איר, וואַרט, וואָס זי וועט זאָגן. און זי שווייגט.

מאכט ער זיך, גלייך ער האלט מיט איר אנ'עצה:

— וואָס זאָגסטו, מאמע?

צעוויינט זי זיך:

— ביסט קיין עין הרע אזוי רייך, פארוואָס זאָלסטו נישט שיקן?

ענטפערט ער, אז ער רעכנט טאקי אזוי צו טון, ווייל שואל איז דאָך א תכשיט גדול, און ער האָט אים ליב ווי זיין לעבן. נאָר וואָס דען? ער וויל, אז זי, די מאמע, זאָל פאָרן זיין ביי שואלן.

הערט זי אויס, און גייט אוועק אין קיך אריין, און באהאלט זיך אויפן הויזון.

גייט מעכעל און ווארפט זי ארויס פון קיך און פון הויף און הייסט דעם שייגעץ כון הויף, ער זאָל זי נישט אריינלאָזן. ליגט זי א גאנצן טאָג אין דרויסן, ביז סע קומט פארנאכט און די פראָסטע פרומע שנור שטעלט זיך איין און נעמט זי אריין אין קיך, און העלפט איר ארויפקריכן אויפן אויוון, און גיט איר עסן.

דאָס עסן האָט זי ביי איר צוגענומען. נאָר אז זי איז געקומען ביינאכט מיטן קערבל און איר געוואָלט אריינשטופן אין דער האנט אריין, האָט בתיה אוועקגענומען די הענט און זיך געמאכט, ווי זי פארשטייט נישט. די שנור האָט געמיינט, אז זי איז עובר-בטל, אבער בתיה האט געטראכט עפעס אנדערש. זי האָט שטענדיק געמיינט, אז מעכעלס מזל איז איר מאנס מזל, מען האט אים אוועקגעגיבן אינגאנצן, און די איבעריקע זענען דערפאר אָרים. איז עס א גאָט-זאך. אָבער פון א צייט האָט זיך איר אנגעהויבן דאַכטן, אז מעכעלס עשרות איז פון גאָר א אנדער אָרט. זי האָט מורא עס גריף די ליפּען אפילו צו ברענגען. האָט זי פארשטאנען אז אלע עצות מעכעלס זענען פון דאָרטן, פונם גוטן מאכער. טאָר זי נישט נעמען.

איז זי געזעסן מיט די פלייצעס צום קוימען, די אויגן פארמאכט און אין זיך געזאָגט:

— וויפיל מיין כוח וועט מיר פאַרטראָגן... איך וועל מיך ניט לאָזן.

ו.

# די ווינער קאַרעטע

איז... ווער ווייסט ?.. קען זיין, ווען מעכעל איז נישע אזא רשע... און אפשר האָט זיך עס אזוי געפירט, כדי סע זאָל זיך גאָרנישט בייטן אינם סדר פון דער וועלט.

און דאָך אזוי, ווער ווייסט, צי די יידענע וואָלט נישט געווען אויסגעפירט, ווען נישט די ווינער קאַרעטע.

מעכעל, דערזעלבער מעכעל וואָס האָט זיך אויף צולהכעיס די אנדערע גבירים געפירט פראָסט, און וואָס דאָס ווייב זיינס האָט אָפּגעקערט די אלטע שטוב, ווען ער איז געווען אוועקגעפאָרן אויף א וואָך, און ערשט דעמולט האָט ער אויפגעבויעט דאָס נייע הויז מיט די זאַלן מיטן גאנצן ארום און ארום, מעכעל האָט זיך אראָפּגעבראכט פון ווין א קאַ־רעטע, מיט פיר אונגארישע פערד געשפּאַנט אין זילבערנע שאָרעס, ווי די גאָר, גאָר גרויסע שררות. און ווען מהאָט אָנגעבראכט די קאַרעטע און איינגעשפאנט די פערד, איז די גאנצע שטאָט געלאָפן קוקן. דרייט זיך מעכעל ארום אין הויף און מאכט חוזק פון די אָרימע לייט, און יענע קוקן פאַרגאַפט, ווי דער קוטשער מיטן קליינעם שייגעצל פלאַגן זיך מיט די פערד, וועלכע שטייען נישט איין אויף קיין

אָרט און האלטן אין איין גראָבן די ערד מיט די פּעדערשטע קאָפּיטעס. אין דערווייל איז כּייווע די דינסט אויך אַרויס־געגאַן א קוק טון, און דער אלטער מאמען האָט זיך אויך פארגלוסט א קוק טון. איז ווי מעכעל האָט זי דערזען, האָט ער גענומען שפּעטן און א זאָג געטון צו איר בוצים תמ׳ע־וואטע, נאָר אזוי אז אלע אין דרויסן זאָלן הערן:

— מאמע, וואָלסט געוועןן א בעלן זיך דורכצופאָרן?

דער גאנצער עולם האָט אויסגעשאָסן אין א געלעכטער און זי האָט געהאט א גרויסן בזיון. דהאָט זיך בא איר אַרויסגעכאפּט:

— נ אָ כ ן ט ו י ט!

וואָס איז א וואָרט? גאָרנישט. א שטרוי אויפן ווינט. אָבער א וואָרט וואָס קומט פּלוצים, אומגעפרעגט, פון זיך, א געדאנק א נישט־געבעטענער, וואָס שפּאַלט דעם מוח ווי א בליץ. ווער ווייסט דעם כּוח פון אזא וואָרט און אזא גע־דאנק?

סע גייט זיך א מענטש, א יונגער, א געזונטער, אין א קראָם אריין, זיך אָננעמען צייג אויף א מלבוש, זיך, צי פון א נאענטן מענטשן וועגן, א געזונטן, וואָס סע גייט אים צום לעבן. סע טראַכט זיך... פון וואָס קען זיך טראכטן א יונגען מענטשן, א געזונטן, וואָס איז בכּוח צונעמען צייג אויף א מלבוש, זיך צי פאר א נאָענטן מענטשן?... און פּלוצים טוט א שפּרונג אַרויס ווי א פּייערל אין מוח... נאָר איך וויל ניט זאָגן־וואס. און דער סוף איז, אז דאָס מלבוש טראָגט שוין נישט יענער, וואס מהאט עס פאר אים אָפּגעשניטן. יענער... נאָר איז דען פּאַפּיר בּיכולת איבערצונעמען א זיפץ וואס קומט פון טיפן באהעלטעניש? ווי אזוי האבן צוטרוי צו פּאַפּיר, אז מהאט זיך אָפּגענארט אין לעבעדיקע פריינט?

וואָס האָט זי געזאגט, בתיה? זי האט געזאגט, צי סהאָט זיך איר גאָר אויסגעדאכט?

זי האָט זיך פאררוקט אויפן אויוון און זעלטן אראָפּגע־קראָכן, פרייטיק נאָר כדי צו ארומוואשן זיך לכבוד שבת. לעכט האט זי געבענטשט אויפן אויוון. זיך נישט געמאכט ווייסנדיק, צי קומט עמיצער אין קיך אריין. איז אריין גע־קומען דער זון, האָט זי זיך פארדעקט און געמאכט ווי זי שלאָפט. אפילו דער שנור, דער פראָסטער ערלעכער יידענע, נישט געענטפערט, ווען יענע האָט צו איר גערעדט.

ז.

# עס הויבט זיך אָן

איין מאָל אין אַ אינדערפרי הערט בתיה, ווי די שנור שושקעט זיך מיט כייוועז. האט זי צוגעבויגן א אויער און געהערט:

— אנ׳אומגליק... נעבעך... מיין שוואָגער זעליק געבליבן אנ׳אלמן.

דאָט זיך בתיה פאמעליכן דערמאנט, אז זעליק איז דער יונגסטער זון אירער. הייסט עס, אז די יונגסטע שנור...

האט זי זיך אויך דערמאנט אין אלעמען, וואס איז פאָרגעקומען און אז זי האט איר נישט מוחל געווען, און סהאָט איר באנג געטון. האָט זי זיך אָנגערופן:

— אין גן־עדן זאָל זי רוען, זי האָט זכותים, וואָס קיין אנדערע האָבן נישט.

האָט זיך די רייכע שנור פארהידושט:

— שוויגער, איר האט געהערט?

נאָר בתיה האט שוין ווידער גערעדט, ווי פון חלום:

— די זאָקן פון די פיס האט זי זיך אויסגעטון און אוועקגעגיבן אנ׳ארימער יידענע... וויפיל פאָר זאָקן האט זי איבגאַנצן פאַרמאָגט? ווי׳ דער מאמען... און ווי אזוי זי האט אפגעלעבט...

די פרומע פראָסטע שנור איז אוועק און אָפּדערציילט מעכלען, וואָס זי האט געהערט פון דער שוויגער, האָט ער זיך מישב געווען און אוועקגעגאנגען אין קיך אריין, זיך א ביסל ארומגעדרייט און געקרעכצט, און כאָטש די אלטע האט זיך געמאכט, ווי זי שלאָפט, א זאָג געטון:

— וואָס זאָגסטו, מאמע, אויף אונזער זעליגס אומגליק?

האָט זי געעפנט די אויגן און אים באטראכט. און ער, אז ער האט געזען אז זי איז וואַך, האט ער ווייטער געזאָגט:

— כהאָב געהאט א בריוו... ס׳אגרויס רחמנות. נאָך גע-בליבן מיט קליינע קינדער. נישטא ווער ס׳זאָל אָפּקאָכן א לעפל געקעכץ.

זאָגט זי:

— וואו זענען די גרעסערע?

מאכט ער:

— וואו זאָלן זיי זיין? אויף דער וועלט צעפאָרן. אין אמעריקע. נישטאָ ווער סע זאָל אָפּקאָכן א לעפל געקעכץ.

זאָגט זי, אז זי וועט פאָרן.

אינדערוויַיל האָט מען בא מעכלען אין טייך געכאפּט פיש און א ייד וואָס האנדלט מיט פיש, פון יענעם שטעטל, האט געבראכט דעם גרוס. דער פישער האָט טאקי געקויפט די פיש ביי מעכלען. זעצט מעכעל אויף די אלטע מאמע ביי דעם יידן אויפן וואָגן מיט די פיש, און זי ברעכט אירע אלטע ביינער אזא מהלך-רב. נאָר זאָגן זאָגט זי גאָרנישט, נעמט אָן אלצדינג פאר ליב. איז זי געקומען און געבראכט מיט זיך עטלעכע צוקערקעלאך פאר די יתומים, געמיינט דערמיט צו קויפן זייער הארץ, נאָר די יתומים האבן זיך פון איר אָפּגעוועגדעט. און ווידער, וואס פאר א באלא-באָסטע, משטיינס געזאָגט, האָט זי געקענט זיין? אפילו אירע

אייגענע קינדער איז זי שוין אויסגעקומען מערער א
ווייטע קרובה, א שטייגער א עלטער-מומע, ווי א מאמע. האָט
דער אלמן נאָך פאר שלושים חתונה געהאט און זי איז
צוריקגעפאָרן צו מעכלען.

## ח.

# מען גייט זיך אקעגן...

גיט זיך מעכעל אנ׳עצה:

זיין ברודער, דער צווייטער נאָך אים, וואס זיי זענען אינאיינעם פארבליבן יתומים נאָכן פאטערס טויט און אינאיינעם געלערנט חבריש אין קלויז, איז געקומען צו אים נאָך הילף.

דער מענטש איז געווען א למדן און א וועלט-חכם, נאָר דאָס מזל זיינס איז א פנים געווען קליין. ער איז דאָך קיינמאָל נישט געפאָרן צו מעכלען, אים נישט אנגעריירט מיט וויפיל א ציגאר טוטון איז ווערט. אז ס׳איז שוין אבער געקומען ביז איבערן האלדז און קיין יונגערמאן איז מען שוין נישט...

הכלל, מעכעל נעמט אים אויף פאר גאָר א גרויסן גאסט און הערט אים אויס און באקרעכצט אים און נעמט אים צו... נישט חלילה פאר א בכבודיקן מענטשן אין זיינע געשעפטן, נאָר פאר א מלמד צו זיינע צעלאָזענע מיזיניקעס.

דעם ברודער איז עס געווען א גרויסע ווייטיק, נאָר ער האָט זיך ניט געקענט העלפן. און מעכעל האָט זיך געמאכט א שפילעכל...

דער ברודער, האבן מיר געזאָגט, איז געווען א למדן, פארשטעקט מעכלען אין גארטל. און מעכלס בנים — ווי ס'רוב ביי די גבירים — פאַרשטאָפטע קעפּ. וואָס זשע טוט מעכעל? שיקט אלעמאל רופן די בנים מיטן ברודער און... פארהערט. און נעמט דעם מענטשן ארויס דאס חיות. האלט אים אין איין שרייען: „עם־הארץ", „גראָבער יונג". און כאָטש יענער זעט, אז מעכעל גרייזט, מוז ער הערן און שווייגן.

און נאָך עפּיס איז געווען: מעכעלס ברודער איז געווען א פיינער מנגן. אין די יונגע יאָרן האט ער געהאט גאָר די שיינע שטימע און מהאָט אויף אים געזאָגט, אז ס'האָט זיך אין אים אָנגערופן די נגינה פון יענעם לייוויקן... האָט ער אבער דערצו אויך קיין מזל ניט געהאט. הקיצור, ער האָט איצט, אויף די עלטערע יאָרן, אויך נאָך זער שיין געדאווענט און אפילו א וואָכנדיקע שמונה־עשרה פלעג ער אמאָל זאָגן אזוי הארציק, אז סאיז זיך צעגאן אין יעדער אבר... און מעכעל, ווי אויף צולהכעיס, האָט געהאט א קול פון א עגלה־ערופה. וואס זשע טוט מעכעל? איז פונקט דעמולט, ווען יענער דאוונט פארן עמוד און צעזאגט זיך מיט מתיקות, לעגט ארײַן אין די תפילות זיינע יסורים און זיינע דאגות, דעמולט טוט מעכעל א געשריי:

— דו, עם־הארץ, האָסט פארגעסן דעם נוסח...

און קיינער איז נישטאָ, ווער סע זאָל זיך אנרופן א וואָרט, ווייל מעכעל איז דאָך דער גרויסער עושר, דער תקיף.

ביז איינמאל האָט דעם ארימען מענטשן געביך צוגעטרעטן צום הארצן, און ער איז ארײַנגעגאנגען אין קיך ארײַן און זיך צעוויינט פאר דער אלטער מאמען...

האָט זי פארגעסן, אז זי טאָר זיך נישט מישן און גע־

גאנגען אויסמוסרן מעכלען, האָט זיי מעכעל ביידע ארויס-
געווארפן.

זי האָט זיך אויפדערנאכט אריינגעראטשקעוועט צוריק אין קיך אריין. און דער זון איז אוועקגעגאן אין שטאָט אריין און זיך געזעגן תלמידים און, צי ווייל ער איז געווען א למדן, צי ווייל מעכעל האָט געהאט א סאך שונאים אין שטאָט און מהאט אים געטון אויף צולהכעיס, צי איבער אנדערע סיבות, א חדר האט זיך אים געמאכט א גוטס, מיט פיינע תלמי-דים און גוט שכר-לימוד.

איז ער געקומען אין א פארנאכט אין קיך אריין, אין א צייט, ווען מעכעל איז ניט געווען אין דרהיים, און דערציילט דער מוטער, אז ער האָט קיין עין הרע א גוטן מעמד, אז ער ברענגט זיך אהער דאס ווייב מיט די קינדער.

האָט זי אים געוואָלט באַשווערן, ער זאָל עס נישט טון, לעמאַנאשעם, סאיז סכנות-נפשות. ער זאָל בעסער פאָרן קיין אמעריקע, ווי די שוועסטער... ער זאָל זיך הי בשום אופן ניט באזעצן... אַזוי האָט זי געוואָלט זאָגן און ניט געקענט. גלייך עמיצער האָט איר צוגעהאלטן דאָס מויל, גלייך די צונג-נישט אירע. ז'האָט נאָר געוויינט און רעדן ניט געקענט.

דער זון האָט געמיינט, אז ז' וויינט, ווייל עס טוט איר וויי וואָס ער איז געוואָרן א מלמד. זי האָט אבער געוויינט עפיס אנדערש.

האָט זי זיך אָנגענומען מיט האַרץ און נאָכאמאָל צו זיך געזאָגט: פון מעכעלס שטוב טרעט זי ניט אָפּ.

און וואָס מעכעל האָט נישט געטון, זי זאָל אוועקגיין צו יענעם זון, האָט ער נישט געפועלט.

איז אויף איין מאָל, קומט אָן מעכלען א בריוו פון ר' שואלן, דעם עלטסטן שוואָגער, אז ער איז געבליבן אויף דער

עלטער אָן פּרנסה. מחמת דער קרוב זיינער, דער נגיד, ביי וועמען ער איז געווען קאַסיר, איז אליין אָפּגעקומען, און ער, ר׳ שואל הייסט עס, איז געבליבן אויף דער עלטער אָן פּרנסה. און די קינדער גייט עס אויך נישט אַמבעסטן.

האָט זיך מעכעל דערפרייט מיט דער ידיעה און ער באַפעלט צו שואלן, ער זאָל קומען צופאָרן. און ווי שואל איז געקומען צופאָרן, נעמט ער אים אויף פאַר גאָר א גרויסן גאַסט, לאָזט אים נישט אוועקפאָרן פון שבת, הייסט אין קלויז אים געבן די שענצטע עליה און איז זיך מיט אים מהנה אויפן שענצטן אופן. ער האָט געמאַכט א קידוש, אַז ס׳איז געווען ווי אויף א חתונה און געהאַלטן אין איין באַרימען זיך:

— מיין שואל, דער עלטסטער שוואָגער, א תכשיט גדול.

ר׳ שואל איז טאַקי געווען א ליבער מענטש. האָט ער גערעדט וועלט-זאַכן, אָדער דערציילט חסידיש, א מאמר צי א מעשה, האָט מען געעפנט מויל און אויערן — מהאָט פאַרגעסן, וואו מ׳איז אין דער וועלט און מ׳האָט געגאַרט, ער זאָל גאָרניט אויפהערן דערציילן. און צו דערצו איז ער געווען א ווערטל-זאָגער, ניט קיין מרה-שחורהניק. האָט מען טאַקי אָנגעקוואָלן פון אים.

שפּעסענאַכטס נעמט מעכל אַריין ר׳ שואלן אין קאַבינעט און זאָגט צו אים אַזוי:

— פאָר א היים, שואל, און פאַרקויף די דירה. טו דיר מיטן געלט וואָס דו ווילסט. מעגסט עס איינטיילן די קינדער. דינג פורן און קום צו פאָרן צו מיר. וועסט דיך באַזעצן ביי מיר אויף דער אַדאַיע, דריי ווערסט פון שטאָט. וועסט זיין קאַסיר. אַרבייט האָסטו דאָרטן א קלייניקייט. וועסט זיצן על התורה ועל העבודה, און אַלע פרייטיק וועט איר קומען אין שטאָט אַריין, דו מיט גיטלען, איר וועט האַלטן שבת ביי מיר.

און ער נעמט ארויס א הונדערטער און גיט ר׳ שואלן:

— נאַ, דאָס איז צו שטייער אויף הוצאות.

זעט ר׳ שואל, אז ער האָט שטארק נושא חן געווען ביי מעכלען, פאָרט ער א היים, פארקויפט די דירה, וואס ער האט אין איר געוואוינט פון נאך זיין חתונה אָן, טיילט איין דאָס געלט צווישן די קינדער, און ער מיט גיטלען פאָרן אוועק אויף דער עלטער צו מעכלען, וואוינען ביי אים אויף דער אַדאַיע.

אינדערוויל דערזעט מעכלס א עלטערער ברודער, אז שואל האט נושא-חן געווען ביי מעכלען, נעמט ער און פאר-לויפט פאָראויס, קיין דירה צום פארקויפן האָט ער נישט געהאט, דינגט ער א אַרבאַ, ווארפט אריין די בעבעכעס מיט דער יידענע און היידא! אַראָפּצו, צו מעכלען!...

ט.

# סע פאלן די רעדער

די אַדאַיע מעכלס איז געווען נישט צוויי-דריי ווערסט פון דער שטאָט, ווי מעכעל האָט געזאָגט צום אנהויב, נאָר זיבן אָדער אכט. ביי ר׳ שואלן האָט עס דאָך נישט אויסגעמאכט. פארקערט:

ער האָט זיך געהאט זיינע טעמים צו זיין א ביסל ווייטער פון שטאָט, ווייל ער האָט געוואָלט אויף די עלטערע יאָרן זיך אָפגיבן מער מיט נשמה, ווי מיטן חומר. און דאָס אָרט איז אים געפעלן. די אַדאַיע איז געלעגן צווישן בערג, לעם א גרויסער אָזיערע, און מהאָט געקאָנט האבן הרחבת-הדעת. און ער, ר׳ שואל, האָט באדארפט האָבן הרחבת-הדעת צוליב זיינע ענינים. פאר סקוטשנע האבן זיי ניט מורא געהאט, ניט ער און ניט גיטל, ווייל זיי האבן געהאט זייערע ספרים, אמתדיקע גוטע פריינט. זיי צווישן זיך, איז דאָך אפגערעדט, אז זיי האבן געלעבט גוט. אז בסך-הכל איז ער איין און איינציק מאָל אויף איר געוואָרן ברוגז, בשעת ס׳האט זיך אים צעריסן דער אלטער טלית און זי האָט אים ניט געוואָלט פאריכטן, ביז ער וועט איר ניט צוזאָגן העלפט עולם-הבא. דאס איינציקע מאָל אויף זיין לעבן, וואָס ער איז געוואָרן א קמצן: „ער האָט נישט"... האָט ער א

שטיקל צייט געדאווענט אינדערוואָכן אין נייען טלית, ביז זי — א אידענע! — איז איר געוואָרן א שאָד דער נייער טלית, איז זי געגאנגען און פאריכט דעם אלטן און אים אליין אָנגעגרייט... ר׳ שואל האָט געלאכט און געזאגט, אז זי קען אים אָפטיילן א שטיק עולם הבא און סע וועט איר אלץ בלייבן מער, ווי ער פארמאָגט!..

ווי די טויבן האבן זיי געלעבט.

איז, הייסט עס, זיי נישט געגאן אין דעם, וואָס ס׳איז ווייט פון ישוב. פארקערט... נאָר וואָס דען? מעכעל איז דאָך מעכעל, דער גוטער מעכעל. אין פון קאסיר געווארן קליוטש-ניק... און וויבאלד קליוטשניק, ווי קען מען אוועקפאָרן פון שבת? און ווי איז מעגלעך צו זיצן על התורה ועל העבו-דה? אז צוויי שעה צו טאָג מוז מען ארויסגיבן גערשטן פאר די פערד. דערנאָך דעם אופראזש. און עסן פון די ארבע-טאָרערס וועגן. און אז סע קומט שבת...

איז ר׳ שואלן אויסגעקומען זיך ווארפן חס ושלום אין וואסער אריין.

איז געלאָפן גיטל, מעכלס עלטסטע שוועסטער, צו מעכלן מיט א געוואלד:

— סטייטש, האָסט אונז פארפירט אהערצו אויף דער עלטער, מיר זאָלן מחלל שבת זיין!

האָט דערהערט די מוטער אין קיך און זי האָט זיך אראָפ-געוואָרפן פונם אויוון.

בייווע די דינסט, דאָס ערלעכע קינד, האָט זי דערכאפט ביים קאָפּ, און זי האָט זיך נאָר אויסגעלינקט א פוס. אבער מעכעל האט זיך דערשראָקן. האָט ער אוועקגערופן די שוועסטער אויף א סוד און איר צוגעזאָגט, אז ער שיקט נאָך היינט

ארויס א קליוטשניק. דער מענטש וועט זיין אונטער שואלס האנט און שואל וועט נאָר זיין קאס ר. נאָר וואָס דען? ער וויל, אז די מאמען זאל זי, גיטל, פארנעמען צו זיך אויף דער אַדאַיע.

גיטל האָט וועגן דעם א רעד געטון מיט דער מוטער, האט די אלטע איר דערוף גאָרנישט געענטפערט, נאָר פאר-לאנגט מען זאָל צונאיר ארײנשיקן שואלן. קיינער איז ניט געווען דערביי ווי זיי האבן גערעדט, און וואָס זיי האָבן גערעדט, ווייסט מען נישט, נאָר ווען ער איז פון איר ארויס-געקומען און בשעת ער האט געהאלפן זי אויפזעצן אויפן וואָגן, איז ר׳ שואל געווען ווייס ווי קרייד און מהאט נישט געקענט ווייסן, ווער ס׳איז עלטער, ער צי די שוויגער.

י.

# די ווינער קאַרעטע

געווען איז עס — זונטיק. מאָנטיק איז גיטל געקומען צופאָרן און אוועקגערופן מעכלען אין א זייט, און אים אנגעזאגט, אז מיט דער מאמען טוט זיך ניט גוט.

אין דערווייל האָט זיך די שטאָט אנגעהויבן וויגן, אז די אלטע איז ביי אלע לעצטן און מ׳האָט אנגעהויבן טרינקען אין אלע שענקען אויף דעם חשבון, און מעכלען האָבן זיינע מענטשן צוגעטראגן, אז די שטאָט האָט געשטעלט שומרים מען זאָל היטן, מען זאָל דאס מת ניט צופירן צו עמיצן פון די ארימע זין. נאָר צו מעכלען... און אז ווייניקער פון צוואנציק טויזנט וועט מען בא אים ניט נעמען.

באראט זיך מעכל מיט זיך און זיין שטענדיקער בעל-יועץ טוט עס אים, א פנים, א וואונק:

— די קאַרעטע...

האָט מעכל געהייסן שפאנען די ווי"נער פארמאכטע קארעטע, מיט די פיר אונגארישע פערד מיט די זילבערנע שאָרעס, און ער איז ארויסגעפאָרן אויף דער אדאיע זיך זען הייסט עס מיט דער שטארבענדיקער מאמען, און פארפארן איז ער צום גויאישן פראוויטיעל.

זונטיק אויף מאנטיק האט בתיה געהאט חלומות, ווי שטענ־דיק. עס האָט זיך איר אלץ געבאמבעלט, אז זי פּאָרט חתונה מאכן דעם עלטסטן זון. ס׳איז ווינטער, אלע מחותנים זיצן אויף די שליטנס, נאר זי האט מען אויפן וועג פארלוירן. זעט זי, ווי אט-אט, די שליטנס פארן אוועק, און זי וויל שרייען און קען נישט. דערנאך האט זיך איר געחלומט, אז זי איז ביי זיך אין הויף אין איר אמאליקער היים. זי וויל ארייננגייען אין שטוב אריין, אין שטוב איז ליכטיק, און זי טאפּט און טאפּט די ווענט און קען נישט טרעפן צי דער טיר.

פארטאג האט זי זיך אויפגעכאפּט, האט זי גערופן ביים נאמען אירן עפּיס אנ׳עלטער פעטער, און א ברודער וואס זי האט אים שוין א יאר זעכציק ניט געזען, און ווידער ארייגעפאלן אין שלאף. ערשט מאנטיק אויף דער נאכט האט זי זיך ראזדרעכעט און גערופן גיטלען:

— טאכטער, גיב מיר, זיי מוחל, א טרונק...

און דערנאך געפרעגט, ווער ס׳איז דא. האט מען איר געזאגט, אז סאיז דא נתן, דער עלטסטער זון, און יאנקל, דער זון דער מלמד, און שואל, און וועלוול, דאס עלטסטע אייניקל, שואלס און גיטלס עלטסטער זון, וואס איז גראד געקומען זיך זען מיט די עלטערן. האט זי באגערט, אז אלע זאלן זיך צונויפקומען, און דערנאך א זאג געטון:

— די נאכט איז די לעצטע.

און ווידער אנדרימעלט געווארן.

אינדערוויל איז גיטל געווען זער מיד, האט זי זיך צוגעשפּארט אויף א רגע און איז אנשלאפן געווארן.

אויך דער עלטסטער זון און דאס אייניקל... יאנקל איז געזעסן איבער א ספר און געזאגט, וואס מען דארף זאגן. נאר איין ר׳ שואל האט געוואכט. האט ער געזען ווי זי עפנט אויף די אויגן, קוקט אויף אים און דערקענט אים און

טוט צו אים א מאך ווי איינער וואס געזעגענט זיך, און — גארנישט. אויס בתיה לויס.

האט ר׳ שואל א זאג געטון:

— ברוך דין אמת.

און אלע האבן זיך אויפגעכאפט.

אין דער אייגענער נאכט איז בתיה לויס׳ס גוף, אויף מעכלס פארלאנג, געפאָרן אין דער פארמאכטער ווינער קאַרעטע מיט די פיר אונגארישע פערד, מיט די זילבערנע שאָרעס. באגלייט האבן זי איר ארימער זון, דער מלמד, און דאָס עלטסטע אייניקל, גיטלס עלטסטער זון. וואורומעט מ׳איז געפאָרן, האָט נאָר געוואוסט דער קוטשער. מ׳איז געפאָרן מיט פעלדער און מיט סולעווקעס, און אז ס׳איז טאָג געוואָרן און מ׳איז אריינגעפאָרן אין דעם ווייטן שטעטל, וואו בתיה איז אמאָל געקומען אויף דער וועלט, איז מען ארויסגעלאָפן סיי יידן, סיי קריסטן, סיי פריצים, מ׳האָט געהויבן די היטלען, ווייל מ׳האָט געמיינט, דער גובערנאטאר פאָרט. נאָר אז די קאַ־רעטע האט זיך גאָר אפגעשטעלט לעם זעליק בתיה לויס שטוב, האט מען זיך שוין עפּיס אָנגעשטויסן.

די גאנצע שטאָט איז זיך צונויפגעקומען צו דער לויה. און כאטש א טייל פון די קינדער איז שוין געווען צעשפּרייט אויף דער וועלט, האט זי געהאט גאר א גרויסע לויה.

און דערנאָך?

דערנאך איז געווארן פון בתיה לויס הויזגעזינד א תכלית אז ס׳איז א שרעק צו דערציילן. דאס שענצטע און בעסטע איז פארשניטן געוואָרן מיט מיתות משונות, אז סע כאפּט אזש אָן א גרויל. עס איז נעבליבן אחד בעיר ושנים במש

פחה. און אויך די צווישן זיך פון דער ווייטנס, ערגער ווי פרעמדע. און דערנידערט זענען זיי געוואָרן, אַז אַלע נידריקע האָבן אויף זיי געטרעטן. אפילו מעכל, וואָס איז געווען דער גרויסער בר-מזל, איז פאַר דער צייט עובר-בטל געוואָרן. און זיין עלטער וואָס ער האָט געהאַט און זיין נחת פון קינדער, אויף אַלע יידישע שונאים געזאָגט געוואָרן.

דערפון איז געדרונגען, אַז מען טאָר זיך נישט אָנמעסטן מערער, ווי דער גאָרער וועלט, אַ סימן — בתיה לויס.

# פעטער טאָם׳ס שטיבל

ב. ווײַנערדוכאָוו —
אַ פֿרײַנטלעכע מתּנה.

ברודער מיינער, ליינער פון היינט, א בקשה האב איך צו דיר. איך ווייס וואָס דיר פעלט, ווייל דאָס זעלבע פעלט אויך מיר. און דאָך אזוי, ווענד דיך ניט אָפּ פון מיר:

— עס האָט מיר פארשמעקט מיט רויזן.

לאנגסטיקע זענען זיי, עלטער פון א סך פון מיינע ליינער, נאָר זייער ריח איז מיר פארגאנגען. צי איז עס דען פאַרוועה'ט?

הער זשע אויס מיין געשיכטע, וואס איז, ווי יעדער געשיכטע, גוט ווען מען דערציילט זי אין קורצן.

איך האב געפלאנצט רויזן.

ווי אזוי בין איך געקומען דערצו? אז איך האב גאָר דעמולט געלערנט גמרא מיט תוספת, און מיין טאטע האָט געהאנדלט תבואה מיט גויים, און אונזער הויף איז שטענדיק פול מיט ציגן און קי, וואָס קומען נאָך לקט שכחה און פאָה פון די גוישע פירן וואָס שטייען ביי אונז איין?

ווייזט אויס, אז צו קורץ טאָר מען קיין געשיכטע אויך ניט מאכן נאָר פונקט אין דער מאָס.

אין סאמע עק פון שטעטל, דאָרטן וואו דער וועג פאַר־קירעוועט אין דער גוישער מאהאלא, שטייט א שטיבל. אליין פאר זיך שטייט עס, אָן שותפות, אָן א שכן. פון איין זייט די האָלאָטעטשינע פון סוף שטעטל. פון צווייטער זייט די ליק, וואס פירט צו דער מיעשטשאנסקי מאהאלא. א גרע־ניץ־פּיקעט צווישן צוויי וועלטן.

אין דער מיעשטשאנסקי מאהאלא, אין די גערטענדלאך, אין דער הויף, בייביידע זייטן וועג וואס פּירט צום טייך, וואקסן א סאך בלומען. עס זענען דאָרט פאראן ווייסע ווי פליגעלאך פון שמעטערלינגען, ראָזעווע און בלוט־רויטע.
שיקסלעך מיט בלומען אויף די באקן און אויף די סיט־צענע בלוזעס, פאדיען דאָרט ארום.
דאָס וועט אבער קומען שפעטער, ווען איך וועל אלט ווערן פופצן־זעכצן יאָר, כ׳וועל האבן חברים און גיין מיט זיי צום פרוט דאָרטן ארום... איצט בין איך ערשט אלט צען־עלף, איך לערן חולין און בבא־בתרא און דארף ערשט דורכגיין דעם פּיקעט, דאס שטיבל.

ארויסזען זעט מען נאָר ארויס דעם געל־געפארבטן קאָרי־דאָר. ווייל דאָס שטיבל איז פארשטעלט מיט ווילדן וויינ־טרויב, מיט ביימלעך און מיט רויזן־קוסטן.
און אין שטיבל וואוינט —
דאָ הויבט זיך אן בינדן די געשיכטע...

עס איז געווען ביי אונז אמאָל א קאַזיאָנע ראבינער, אנ׳אמאָליקער, פון די זשיטאָמירער. איז ער געשטרויכלט געוואָרן אין עפיס אנ׳עבירה און אפגעזעסן אין צארישער תפיסה, וויפל סאיז אים אנגעצייכנט געווען, און צוריקגעקומען נאָך פעסטער און געזונטער ווי ער איז אוועקגעגאן. קיין

ראבינער האט ער שוין ניט געטארט זיין. איז ער געוואָרן א לערער, ער גיט „שטונדן".

און מיין טאטע איז פון זיין פארטיע, פון די בונטאָוו-שטשיקעס וואָס זענען נישט צופרידן מיט קהלשע פאָראנדקעס. ווער, איך דעם ראבינערס א תלמיד. איך לערן ביי אים רוסיש.

לערנען לערנט ער, דער הויכער ניקאָלאיעווסקי ייד, גראמאטיק לויט אנ'אייגענער מעטאָדע. נישט געמאכט קיין לאנגע שהיות, אין דריי-פיר חדשים, אויסגעלערנט די גרא-מאטיק. און נאָך גראמאטיק גייט אילאוואיסקיס היסטאָריע און א געאגראפיע פון אלעקסאנדער דעם צווייטנס צייטן. און ווייטער קומען — ביכלעך...

וואו קריגט מען ביכלעך...

ביכלעך זענען דאָ דארטן אין יענעם שטיבל. אין דעם שטיבל וואוינט ער, דער קאַזיאָנער ראבינער.

איין אין איינציק יידיש שטיבל אין שטאָט, וואס האָט ביימלעך, א פאליסאדניק און רויזן.

אין שטיבל קומען אבער נישט קיין פרעמדע. א לערער איז דער ראבינער נאָר אין שטאָט. דא, אין שטאָט, איז ער קאָכלעפל, קהלט זיך, נעמט א ניקאָלאיעווסקי טרונק-בראָנפן.

אין שטוב איז שטיל-שא. אין שטוב הערשט די אריסטאָ-קראטישע ראבינערין מיט די דריי טעכטער, צוויי שווייגנ-דיקע און איינע א באריידעוודיקע. אין שטוב הערשט א האלב-שאָטן. מען גייט פאמעליך, קוים וואס מען הערט רעדן. אין שטוב קומט נישט קיינער, אפילו נישט קיין גוטער-ברו-דער פון דער פארטיע.

אין שטאָט רעדט מיין ראבינער נאָר יידיש. און א יידיש

רעדט ער א שארפס, א קאנטענדיקס, סענטענציעז; קיין צומיש נישט פון קיין רוסיש וואָרט, גלייך ער וואָלט קיין ראַבינער קיינמאל נישט געווען. א יידיש רעדט ער א סע־דעכישעס, פול מיט שארפע מימרות, גאליק, סארקאסטיש, א קול האט ער א שטארקס, א ברוסט-שטים, און אליין איז ער א הויכער, א פעסטער, נאָר א פּאָלקאָווניק.

רוסיש לערנט ער מיט אונז אויף זיין מעטאָדע אויף יידיש. קיין רוסיש מיט קיין יידן רעדט ער קיינמאָל נישט. דאס ערשטע מאָל דברן רוסיש האב איך אים געהערט, ווען ער האט אנגעהויבן גיבן ביי אונז אין חדר א שטונדע אויף „פסוק”. איוב האט ער מיט אונז געלערנט, מיט רוסישער איבערזעצונג. און זאָגן זאָגט ער אויף אויסנווייניק. א חיתוך הדיבור האט ער געהאט, ניט געקוקט אויף זיין עלטער, ווי איינער ציילט רענדלעך. יעדער זילב האט געקלונגען העל: „איש היה בארץ עוץ, זשיל-ביל טשעלאָוויעק וו סטראַניע אוץ”...

דעמולט, אין יענער צייט, בין איך געוואָרן אויסדערהיילט און באקומען צוטריט אין קדשי-קדשים אריין, אין שטוב.

און דאָ ווערט די געשיכטע פאַרקניפּט...

אריינגעקומען בין איך דורך א קאָרידאָרל, אויף א געל־געפּארבטס, נאָר דורך אַנ׳אנדערס, נישט דורכן פאראדנעם.

איז דאָס ערשטע מאָל מיר געווען, וואָס כ׳האָב מיך דער־ווּסט, אז איך האָב נאָך א נאָמען חוץ דעם וואָס איך טראָג נאָך מיין טאטן, מיין זיידן און מיין עלטער-זיידן. מיט אמאָל בין איך געבליבן שטיין איינער אליין אָן א צושפּאר:

— אַלטמאַן.

איז מיר געווען, גלייך מען האָט מיך באפליקט פון די פעדערן, א נאַקעט הינדל.

באפליקט האָבן מיך די דריי פרויען. די ראבינערטע מיט די צוויי עלטערע טעכטער. דאָס איז געווען מיין ערשטע טויפונג.

מיט אמאָל איז מיר מיין גאנצער איך, וועלכער האט מיך מוציא געווען מיט גוף און נשמה, געוואָרן עפיס א נייעס, אן אָפגעטיילט שטיק. א נאָמען משה איז שוין נישט נאָר איך אליין, משהס איז דא א סאך, א נייע משא איז אויף מיר געלעגט געוואָרן. איך בין א היים געגאנגען יענעם טאָג א באלאָדענער מיט א אומבאקאַנטער לאסט:

— אלטמאן מיט צוויי אַ...

די שטוב.

אזא שטוב האָב איך גאך קיינמאָל נישט באטרעטן. עס איז אזוי שטיל דאָרטן. אלצדינג איז געל געפארבט. און די פענצטער האָבן אויבערשטע פענצטערלאך. און די שטוב איז איינגעטיילט אין צימערן. און אויף יעדן צימער הענגט א צעטאלע וואָס באטייט, צו וואָס דאס צימער נוצט. איין צימער האָט א צעטל „סטאָלאָוואיא” און איינע „ספאלניא” און נאָך איינע „ביבליאָטעקאַ”. אויפן וועג א הינצו, אין דעם וואס הייסט ביבליאָטעקא, וועט ליגן מיין וועג. גייענ-דיק אהינצו וועל איך באמערקן די אויפשריפטן אויף די צימערן. די נעמען פון די צימערן טרעף איך שפעטער אין די ביכער וואס איך וועל דאָרטן לייענען.

אין די ביכער רעדט זיך פון גראפן און באַראָנען, פון ליבע און דועלן. בייטאג לייען איך און ביינאכט ווער איך עס. איך מאך מיך פאַר א באַראָן. דערהויב מיך צו גראף, דערדין מיך צו מארקיז. איך פאל אויף א קני און דערקלער מיך אין ליבע:

— מיילײדי...

איך בין געוואָרן דאָרטן א בן-בית, אין ביבליאָטעק, מיין

איך. ווייל אין שטוב בין איך אלץ א פרעמדער. מיט דער ראבינערשע און אירע טעכטער איז מיר א סאך ערגער ווי מיט גראפן און זייערע טעכטער. מיט די לעצטע בין איך שוין גאָר היימיש. עס פעלט מיר נאָר אויס אביסל „לשון" צו קענען זיך מיט זיי דורכרעדן, ווייל קיין יידיש פארשטייען זיי דאָך נישט.

און פון בעראָגען און גראפן צו בלומען און רויזן איז געווען וועניקער ווי א שפאן:ביים פענצטער פון דער ביבליאָטעק זענען זיי געוואקסן.

מיר זענען איצט אין סאמע געדיכטעניש פון אונזער געשיכטע...

געווען זיינען זיי ביים ראבינער און זיין הויזגעזינד, נאָר זיי קינדער. מענטשן שפּאָרזאמע און קארגע, איז ביי זיי א רויז פון זייער גערטנדל דאָך געווען טייערער פון געלט. זיי האבן זיי אָפּגעהיט ווי די אויגן אין קאָפּ. האָט זיך געטראָפן א מאָל, אז א שייגעץ אנ'אויסווארף האָט אָפּגעריסן א רויז, האָט מען שוין קיין אָנבייסן ניט געגעסן פאר פארדראָס. און אז סע פלעג קומען זונטיק, ווען די שקצים מיט די שיקסעס פלעגן גיין פון דער מאהאלא אין שטאָט אריין, פלעגן די ראבינערשע מיט די טעכטער שטיין אויף דער וואַך און קעמפן. זיי האָבן געהאט א שווערן קאמף, האבן דאָך געקעמפט העלדיש. און איך, דער מאנצביל וואס האָב מיך שוין אוויפיל מאָל געשלאגן אויף דועלן מיט שווערדן און פיסטאָלן, פלעג קוקן מיט פארדראָס דורכן פענצטער און זיך ניט מישן... אַך !..

איז מיט מיר געשען א מאָל א נס:

די ראבינערשע האט מיר אמאָל געשענקט א רויז, אן אמתע טיי-רויז.

פאַר וואָס? פאר וועלכער אויסצייכנונג? איך ווייס נישט. און דאָך, ס׳איז שוין אזויפיל וואסערן פון דעמולט איבער־געפלאָסן — און אזויפיל בלוט — און ביז היינט נאָך פיל איך א אויפרעגונג צוליב יענער רויז. שטעלט אייך פאָר, וואָס ס׳איז מיט מיר דעמולט געווען.

א היימגעקומען מיט דער רויז, הער איך, מען מאכט פון מיר כל הגעלעכטער... אלע שכנים, די ווייבער אמיינסטן קאטשען זיך פאר געלעכטער. איך אבער האב מיר גענומען די רויז אין קאָפּ אריין. איך האב מיך פארלעגט: איך מוז האָבן אייגענע רויזן!...

דעם וואונטש ארויסגעגיבן פארן ראבינער, און ער האָט עס געבראכט פאר דער ראבינערין און פאר די טעכטער, און אין א שיינעם טאָג — סוף זומער איז עס געווען — האט מען מיר אנגעזאָגט א בשורה:

— פאר פסח, מארט-חודש, וועט מען מיר מקריב זיין א קרבן, א קארטש רויזן.

און שוין מיך אנגעהויבן לערנען ווי אזוי מען פלאנצט.

דאס איז געווען אָסיען-צייט.

די ביכער מיט די גראפן און באראָנען האב איך שוין געענדיקט. דער חשק צו ביכער האָט זיך ערשט רעכט דער-וועקט אין מיר. איך וויל לייענען. אָבער וואָס? וואו קריגט מען?

דעמולט איז פאָרגעקומען דער גרויסער זיץ אין „סטאָ-לאָוואיא״. איך בין געשטאנען אין ווינקל צווישן טיר און קליינעם בופעטל. די ראבינערין מיט פאַנין, דער עלטערער, שטייען ביי דער הרובע. ליזע זיצט לעם זיי אויף אַ בענקל. דער ראבינער שטייט לעם טיש מיט איין פוס אויף א בענקל און מיט א פארבויגענעם פינגער ביי די ליפן.

דאָס באראט מען זיך וועגן מיר, וואָס איך דארף לייענען.

עס איז אין צימער שטיל. נאָר די בליקן רעדן. זעלטן הער איך א פּאָר ווערטער. און אויך אזוי קלאנגלאָז. ליזע, די יינגערע, איז עס די וואָס זאָגט עס אמאָל דאָס וואָרט. און עס איז מאָדנע אזא וואָרט:

— טורגעניעוו...

— זאַפּיסקי אָכאָטניקאַ...

ווייטע ווערטער. וואָס ברענגען זיי מיר?..

דער ראַבינער שווייגט. ער טראכט.

און פּלוצים טוט ער א גלאנץ מיט די גראָע אויגן אונטער די פענסנע-גלעזלעך, טוט זיך א קלאפּ מיט א פינגער אין שטערן:

— יעסט!..

— כיזשינא דיאַדי טאָמאַ!

און ער האָט מיר דעמזעלבן טאָג געקראָגן דאָס ביכל.

אונזער געשיכטע הויבט זיך אָן אויפצובינדן...

מיט „פעטער טאָם׳ס שטיבל" האָט זיך אין מיין נאָך קינדיש לעבן געעפנט א נייע וועלט. פון חומש און גמרא צו גראַפן און באַראָנען, אין וועלכע כהאָב ביז־אַהער נישט געגלויבט, אז זיי זאָלן זיך מיר אמאָל אפילו באַגעגענען, איז נים געווען קיין שאַרפער איבערגאנג. סיי דא סיי דאָרטן האָב איך געלעבט אין א אידעאַלער וועלט. טאָם׳ס שטיבל האָט מיך באַהערשט, באַרוישט, איך בין געוואָרן אקטיוו. כהאָב דאָס בוך נים איינגעשלונגען ווי אנדערע, נאָר געליינט און איבערגעליינט.

עס איז געווען אָסיען. און נאָך דעם, ווי געוויינלעך, ווינטער. און ווי געוויינלעך, איז דער טאַטע מערער אין דאָרף ווי אין שטאָט. קיין פרנסה איז נישטאָ. „א שלעכטער

אָסיען″ קרעכצט דער טאטע. ער ברענגט פון דאָרף זעק מיט תבואה, טראָגט זיי אין קאמער אריין. איך קוק, וואָלט געהאָלפן, בין אבער נאָך צו קליין... דער טאטע טראָגט זעק מיט קוקורוזע אויפן בוידעם ארויף. ער רייסט זיך אונטער... און איינמאָל האט זיך די לייטער א גליטש געטון און דער טאטע איז אראָפגעפאלן מיטן זאק קוקורוזע. ער איז געפאלן מיטן הארץ אויף א הארטער זאך. על פי נס, זאָגט די מאמע, איז ער ניצול געוואָרן. ער האָט אבער לאנג געקרענקט. שווער געקומען צו זיך. ער האָט זיך, ווייזט אויס, שטארק צעקלאפט. דורך די נעכט הער איך אים קרעכצן. די מאמע שעלט דעם אויפקויפער, דעם פראָצענטניק. עס איז מיר ענג אין שטוב.

דורך די נעכט ליג איך מיט פארמאכטע אויגן, מאך מיך כלומרשט, אז איך שלאָף און איך פאנטאזיר:

דער טאטע איז געוואָרן פעטער טאָם, איך א קליין נעגערל. איך בין צוזאמען מיט די נעגערן, מיר לויפן דורך וועלדער, איבער טעכער.

בייטאָג אנטלויף איך צו די קוואקערס, צום ראַבינער...

פאר פסח האָב איך געמאכט א גערטענדל.

אָפגעריסן עטלעכע ברעטער פונם פּאַרקן, ארויסגעגאנוועט עטלעכע פון דער תבואה-קאמער, צונויפגעקליעפעט א פלויטל בא די פענצטער וואס גייען ארויס אין הויף. פארפלאנצט דעם קאָרטש-רויזן. אן אַקאַציע-ביימאלע האָט מיר מיין ראַבינער אויך פארזאָרגט, האב איך עס פארפלאנצט. נאָך פסח האב איך געזעצט פאסאָליס.

אינדערפרי און פארנאכט באגיס איך. די קנאספן האבן זיך געעפנט, דאָס ביימאלע צעוואקסט זיך — ווער איז דען בכוח אָפצושאצן מיין פרייד? די פאסאָליס האב איך ארויפ-

געצויגן מיט פאָדים צום דאַך ביי די פענצטער. שכנים לאכן. די מאמע לאכט אויך, נאָר אנדערש...

דאָס ערשטע מאָל, זינט איך געדענק, האט מען ביי אונז געעפנט א פענצטער. געעפנט האב איך עס. עס איז מיר אָנגעקומען שווער, סיי דאָס פועלן, סיי דאָס עפענען: די פענצטער האבן נישט געהאט קיין האָקנס.

עס איז געוואָרן טיף אין זומער.

איך היט אָפּ מיין גאָרטן ווי א מאמע א בן-יחיד. און היטן האָב איך געמוזט, סיי פאר ציגן, סיי פאר קי, און נאָך מער פארן טאטן. ער האט באדארפט האבן די ברע-טער.

איין מאָל, איך קום א היים פון מיינע קוואקערס, טרעף איך: אויס גאָרטן. די רויזן די פאסאָליס, דאס בוימאלי אויפגעגעסן פון ציגן.

דער טאטע זאָגט, אז די קי האבן איינגעבראָכן דאס פלויטל... איך פיל, אז ס'איז נישט דאס. נאָר איך שווייג.

איך האב שוין געלערנט דעמולט היסטאָריע, דעם מיטל-אלטער. איך ווייס שוין פון בארבארן און וואנדאלן.

# אִיוב אָן חברים

מיין פריינט, א יינגער שריפטשטעלער, האָט מיר אנומעלט דערציילט אט די געשיכטע:

... דאָס איז געווען צוריק מיט עטלעכע יאָר. אין א באַרימט קאפע-הויז אין א גרויסער אייראָפעאישער שטאָט — איר ווייסט וואו דאס איז געווען, פאַרשפאָר איך אָנרופן נעמען — זענען מיר געזעסן א גרופע מענטשן, כמעט קאָלעגן, מיט פראָפעסיאָנעלער אדער אנדערער שיכות צו ליטעראטור. מען האט גערעדט, ווי געוויינליך, פון אלץ אין דער וועלט, מען האָט זיך געאמפערט, ביז מ'איז מיד געוואָרן. און, אז מ'איז מיד געוואָרן, איז מען זיך פונאנדערגעגאנגען.

ווי איר ווייסט, באשטייט די איינציקע מעלה פון די געשפרעכן אין דעם, וואס מען ווערט אין כעס אויף זיך פאר דער פארלוירענער צייט, און מען נעמט זיך ארבייטן... איך, דער יונגסטער און דער פרעמדסטער דאָרט, בין נאָך פארבליבן אין קאפע-הויז. קיין באשטימטע סיבה אויף צו בלייבן דאָרט האָב איך ניט געהאט און איך מיין, אז ס'איז איבריק אין דעם זיך צו גריבלען. דער עיקר איז דאָס, וואָס איז פאַרגעקומען שפעטער. און פאָרגעקומען איז אָט וואָס.

עס האָט קיין סאך נישט גענומען, און א מענטש פון אַ שכנותדיקן טישל האט זיך אריבערגעבויגן צו מיר און, אזוי דירעקט אן שום הקדמות, א פרעג געטון:

— ווי מיינט איר, א מענטש, וואָס איז ביים לעבן געשטאָרבן, קען נאָך פרוואוון לעבן?

איך בין געבליבן זיצן, ווי יעדער אנדערער אויף מיין אָרט וואָלט געבליבן זיצן, אי פאַרחידושט, אי אינטריגירט, ניט געוואוסט אויף זיכער, צי ווענדעט זיך דער מענטש צו מיר, אבער גלייך זיך איבערצייגט, אז דאָס גייט צו מיר אט די מאָדנע פראגע. כ׳האב אים באטראכט...

ער האָט געוואַרט א פּאָר מינוט, ווארשיינליך כדי עס זאָל מיר איבערגיין מיין איבערראשונג פון דעם אומגעריכטן שמועס, דערנאָך זיך צוגערוקט נענטער און ווייטער גע־זאָגט:

— איר וועט נישט האבן גאָרנישט קעגן דעם איך זאָל מיט אייך א ביסל רעדן?

ניט ווארטענדיק אויף קיין באשטימטן ענטפער, האָט ער זיך באלד אינגאנצן איבערגעטראָגן צו מיין טישל און פאַר־געשלאָגן:

— איר וועט אפשר עפּיס נעמען? טרינקען?..

ער רופט שוין צו דעם קעלנער און באשטעלט ווײַן, זויער טייערן ווײַן, און א פנים, כדי אָפּצווועגדן מיין פּראָטעסט, מאכט ער:

— האָט ניט קיין יסורים, עס איז מיר נאָך פארבליבן גענוג אויף מכבד צו זיין א מענטשן, וואָס וויל מיך אויס־הערן.

דער קעלנער האט געבראכט ווײַן און מיין פארשוין נעמט שוין ארויס א טאַש אָנגעשטאָפּט מיט דאָלארן און אנדערע וואלוטן, ער דערלאנגט דעם קעלנער א טויזנט-פראנק-שטיק און צו מיר מאכט ער:

— טרינקט, איך בעט אייך.

ער האט ווירקליך געבעטן. אזוי געבעטן, אז כ׳האב מוחל געווען זיין פארוועניטישן זשעסט מיטן צאָלן פאָראויס, מיטן באווייזן דעם אָנגעשטאָפּטן געלט-טאַש. עס איז געווען קלאָר, אז מיט דעם מענטשן קומט עפּיס פּאָר, אז ס׳איז מיט אים ניט גלאַט.

כ׳האָב אויסגעטרונקען א גלאָז ווײַן, אנגעגאָסן א צווייטע און באמערקט, ווי ער ווערט אויפגעלויכטענער.

— איר ווייסט, מאכט ער צו מיר, איר טוט מיר א גרויסע טובה.

און אליין זיצט ער און קוקט אויף זיין גלאָז, ווי א טרעפער.

כ׳האב אים גענומען באטראכטן:

א מענטש פון איבער די מיטעלע יאָרן. דאָס פּנים נאָך פעסט, מיט ענערגישע כאראקטער-שטריכן. אויגן שווארצע, טיפע. דער קאָפּ ווייס. און די באָרד א פארלאָזענע, א צו-להכעיס-באָרד אויף דעם עקשנותדיק פארהארטעוועטן פּנים. באזונדערס האבן זיך אויסגעטיילט די הענט: פארהאָרע-וועטע הענט. יעדער פינגער האָט עדות געזאָגט אויף לאנג-יעריקער שווערער מי... וואָס האָט מיט דעם מענטשן געקענט פּאסירן? וואָס וויל ער פון מיר?

ער האָט אלץ אזוי געקוקט אויף זיין גלאָז, געוואַרט, אפשר איך זאָל אים עפּיס פרעגן, און אז איך האב געשוויגן, האט ער ווידער א מאך געטון, שוין ניט אזוי האסטיק ווי פריער, וועגענדיק די ווערטער:

— וואָס זשע זאָגט איר? א מענטש, אט ווי איך, אין מיינע יאָרן, וואָס האָט אלצדינג פארלוירן... אלצדינג, אלע מיינע האפנונגען, קען נאָך פרואוון לעבן?

און אזוי ווי איך האָב אלץ ניט געענטפערט, ווייל כ׳האָב

אייגענטליך דאך ניט געוואוסט, אקעגן וואס ער פרעגט מיך. האָט ער אלץ אזוי וואָראָזשענדיק ווי פריער אויפן גלאז מיטן ווייַן, גלייך ער האָט דעם גלאָז אויך געשטעלט די זעלבע פראגע, ווייטער גערעדט:

— א מענטש שטרעבט, פאנטאזירט, פארלירט דאס לעבן. ער מאכט פלענער, חלומט יאָרן אויף צו דערגרייכן איין מינוט פון גליק און נחתדיקע רו. און אין מאָמענט, ווען ער שטרעקט שוין אויס די האנט נאכן פארהאָרעוועטן ביסל גליק, פאלט ארויס דער בעכער מיטן גליק... מיט...

עס האָט אים ווירקליך אין דער מינוט זיך אויסגעגליטשט דאס גלאָז פון דער האנט, אבער נישט צעבראָכן געוואָרן. א ביסל ווייַן בלויז האָט זיך פארגאָסן.

ער האָט דערויף קיין אכט נישט געלעגט, און געצויגן ווייטער:

— עס איז זער פייַנליך צו זייַן דער, וואָס מאכט אליין זייַן געשיכטע. עפּיס קומט עס מיר אויס, ווי איינער וואָס פאַרעט זיך מיט דער אייגענער לייכע... נאָר-מילא. יעדער האָט זייַן מזל. האָט מייַן מזל געוואָלט, אז איך זאָל צוריק מיט צוואנציק יאָר פארלאָזן די היים, די פאמיליע, א פרוי מיט צוויי קינדערלעך, מיידעלעך, איינע שוין א היבשע א גימנאזיסטין אין זעקסטן קלאס, און פאָרן זוכן גליקן קיין אמעריקע.

— איך בין אלט געווען דעמולט א יאָר אכט און דרייסיק. סאמע די בעסטע יאָרן. א מענטש א קרעפטיקער בין איך געווען, דאָס זעט מען נאָך הייַנט, איך בין אויך געווען ענערגיש. האב איך מיך מישב געווען אויף איין מאל, א שפּיי געטון אויף רוסלאנד. כאָטש ס'איז מיר נישט געגאנגען שלעכט אין דער פרנסה... און דאָס איז אפשר געווען מייַן

אומגליק. וואָרין ווען סע גייט מיר שלעכט, האַק איך אָפּ און נעם מיט די גאנצע פאמיליע... און אפשר איז עס א גורל־זאַך. וואָרין גיי רעכט זיך, אז פון דער העלער הויט וועט ווערן א מלחמה און א רעוואָלוציע און דערנאָך פּאָגראָמען... כאָטש מיר האָט נישט געשאדט, ניט די מלחמה, ניט די רעוואָלוציע, ניט די פּאָגראָמען... און דאָס איז טאקע דאָס שווערסטע.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט א ווײַלע, א קוק געטון אויף מיר, נאָר אזוי, אז ס'איז מיר ווי א עלעקטרישער שטראָם דורכגעגאנגען דורכן לייב.

ער האָט ווידער צוגערופן דעם קעלנער, נישט געלעגט קיין אכט אויף מײַן פּראָטעסט, באשטעלט ווײַן, ציגארן. די טײַערסטע.

— איר רויכערט דאָך? מאכט ער צו מיר.

און איך וואַג נישט צו ווערן מיך. ער האָט באקומען שליטה איבער מיר. איך פאררויכער און ער האלט אזוי דעם ציגאר צווישן די פינגער, קוקט ערגיץ אין דער ווײַט ארײַן, ווי ער וויל עפּיס אָנכאפּן, און יענץ אויף צולהכעיס גליטשט זיך ארויס. דערנאך א צי געטון דעם ציגאר, געזען, אז ער רויכערט זיך נישט, אים אוועקגעלעגט און ווײַטער גערעדט:

— איך האָב אין אמעריקע, ווי זאָגט מען עס, באגליקט... איר זעט די הענט? כ'האָב זיי נישט געשוינט. און נישט נאָר די הענט. איך בין נישט פארשעמט געוואָרן קעגן די יענקיס. איך האָב געמאכט דאָלארס. א סאך דאָלארס. אָפּגעשפּאָרט א הויז אין ניו־יאָרק. און נאָך קליייניקייטן.

דאָ האָט זיך בא מיר ארויסגעכאפּט א פראזע, וואס כהאב זי נישט באדארפט שטעלן. איך ווייס אליין נישט, ווי אזוי סהאָט מיר פּאַסירט. כהאב דאָך שוין פארשטאנען, אז כ'האָב

פאַר מיר א פאַמיליען-דראַמע. האָב איך דאָך גערדאַרפט זיין פאָרזיכטיק. איז אָבער די נייגיריקייט, ווייזט אויס, שטאַרקער. כ'האָב אים פּלוצים א פרעג געטון:

— נו, און די פאַמיליע?

עס האָט זיך אים אזש דאָס פנים איבערגעקרומט... ער האָט שנעל פאַרוויכערט, גענומען ציען, ציען דעם רויך, אַוועקגעלעגט און ווידער פאַרוויכערט. און מיטאַמאָל מיט אזא רוהיקייט וואָס וואַרפט אָן א פחד:

— די פאַמיליע האָט געוואוינט אין קיעוו. די עלטערע טאָכטער האָט געלערנט אין גימנאַזיע, איז געווען א שאָד איבערצורייסן. און דערנאָך, אַז זי האָט געענדיקט, האָט מען זי על פּי מזל דווקא יאָ אַריינגענומען אין אוניווערסיטעט, ווי אַזוי זשע רייסט מען איבער? און דאָ האָט זיך מיר געפּלאָנטעט אַ געדאַנק וועגן פאָרן צוריק!..

— אַ! איר זענט א מבין אויף מענטשן? אליין א שפּיי געטון, געפאָרן זוכן א פריי לאַנד פאַר זיך און פאַר מיין פאַמיליע, און געקומען אין פרייען לאַנד און באַגליקט, פאַרמישט זיך דער געדאַנק און דער רוח דרייט אָן — צוריקפאָרן.

— וואָלט איך כאָטש געווען צוריקגעפאָרן!... און דאָרטן, מילא וואָס איז געווען מיט כלל-ישראל וואָלט מיט מיר אויך געווען געווען. אפשר וואָלט מען מיך געווען געהאַרגעט און זיי וואָלטן געבליבן... און אפשר וואָלטן מיר אַלע געווען געבליבן... איך בין נישט צוריקגעפאָרן. און דאָ איז געוואָרן די מלחמה.

— אַז ס'איז געוואָרן די מלחמה, האָב איך פּלוצים דערפילט, ווי די ערד גליטשט זיך מיר ארויס פון אונטער די פיס. כהאָב אָנגעהויבן בענקען, נאָר וואָס הייסט בענקען? איך בין פון זינען געגאַנגען. ארויסנעמען זיי איז קיין מעגליכקייט נישט געווען. און אפשר האָט עס מיר דעם שכל

פארשטעלט, ווייל אז איך באַרעכן מיך איצטער אַ מאָל, קומט אויס, אז סאיז יאָ געווען א מעגליכקייט. כהאָב זיי געקענט ארויסנעמען קיין שוועדן. כאָטש ס׳איז דאך שוין איצט אלצ-איינס... הכלל, כהאָב געשיקט געלט. מטמונות מיט געלט. וואו ארומעט נאָר סאיז מעגליך געווען. כהאָב מיך אפילו ניט געפרעגט, צו חאָס קענען זיי דארפן אזויפיל געלט? און צו באקומען זיי דאָס געלט? כהאָב מיך געלאָשן דער-מיט.

— אין קורצן, די מלחמה האָט זיך געענדיקט און איך האָב דערלעבט צו זען א בריוו. און וואָס פאר א בריוו! מיט פאָטאָגראפיעס: די פרוי, דאָס צווייטע מיידאלע אויך שוין א באַרישניע, און די עלטסטע טאָכטער מיט א מאַן און מיט א קינד אויף די הענט!.. איך האב געמיינט, איך גיי אראָפּ פון זין פאר פרייד... אַ איייניקל! און שרייבן שרייבט מען מיר, אז ס׳איז דאָרט ניט גוט, איך זאָל קומען זיי נע-מען, אָדער שיקן א מענטשען.

— הייסט עס, כהאָב ניט אומזיסט געהאָרעוועט? אַ? כ׳האָב צוגעגרייט פון עמיצענס וועגן... אַ? כהאָב אָנגעגרייט געגוג. עס וועט סטייען פאר קינדער און קינדס-קינדער. כהאָב דאָלארס. א סאך דאָלארס...

כ׳האָב פארבראכט אַ משוגענעם טאָג, יענעם טאָג... נאָר צו נאכט צו איז מיר די שמחה אוועק. איך האָב מורא באקומען, טאָמער פאַרשפעטיק איך... טאָמער ווערט אין קיעוו א פּאָגראָם... כ׳האב מיך דאָך געטרייסט: ס׳איז פאָרט קיעוו, ניט קיין קליין שטעטל. און די טאָכטער איז א דאָקטאָרין, און דער איידעם אן אדוואָקאַט און איז אין פּאָליטיק נישט פארמישט... נו, און ווען אפילו דער איידעם... אבער די פרויען וועט מען דאָך ניט טשעפּען. און דאָס פּיצעלע...

— הכלל, איך האָב מיר אויסגעלעגט אויף אַלע אופנים, אַבי איך זאָל זיי זען לעבעדיק.

— האָב איך אָנגעהויבן מיך באַראַטן מיט באַקאַנטע, ווי אַזוי ווי אַרומצוקומען. האָט מען מיר געראָטן: בעסאַראַביע. דורך בעסאַראַביע זאָל איך זיי ברענגען. איז עס מיר אויסגעקומען איינגעגאַנגען. וויפיל איך האָב געהאַט א באַגריף וועגן בעסאַראַבער, האָב איך מיר פאָרגעשטעלט פּראָסטע מענטשן, נאָר ערלעכע מענטשן. האָב איך איבערגעלאָזט אַלע געשעפטן אויף מיין פּאַרוואַלטער און מיטגענומען מיט מיר א בעסאַראַבער א געבירטיקן, ער זאָל מיר באַהילפיק זיין...

ער האָט געמאַכט אַן הפסקה, פּאַרויכערט דעם ציגאַר, געטרויכערט, אויסגעלעגט, ווידער פּאַרויכערט. צוגעשאַרט מיר די ציגאַרעטן-פּושקע. כ׳האָב אויך פּאַרויכערט און געוואַרט ער זאָל אָנכאַפּן דעם פאָדים, ווייטער דערציילן, נאָר ער האָט געשוויגן. האָב איך מיך איינגעשטעלט מיט א פראַגע:

— האָט ער אייך פּאַרפירט? אָפּגענאַרט?

ער קוקט אויפן ציגאַר, טרייסעלט אָפּ דאָס אַש און שאָקלט מיטן קאָפּ: ניין...

און נאָך א ווײַלע באַדענקעניש:

— ניין... ד ע ר האָט מיך נישט פאַרפירט. כאָטש גאַנץ אָרנטליך איז ער זיך ניט באַגאַנגען, און אפשר איז ער ניט שולדיק. ער איז אויך געווען א צייט פון דרויסן, אויך געקומען צו זיין משפחה. און אז ער איז געקומען, איז ער טרוד געוואָרן מיט זייניקע. איך בין געבליבן אליין...

— געבליבן אליין... האָב איך אָנגעהויבן טאַפּן. און האָב אָנגעטאַפּט. כ׳האָב אָנגעטראָפן אויף א שטעטל מיט קאָנטראַבאַנדיסטן און זיך באַדינגען דאָרטען. כהאָב געשיקט פאָר-

אויס א מענטשן קיין קיעוו זיי ברענגען, און אליין האָב איך מיך באזעצט אין בעלץ, א היבשע שטאָט אין בעסאראביען, און איך וואַרט...

— קומט צוריק דער מענטש און ברענגט מיר א בריוו. געשריבן פון אלע. אלע זענען געזונט. מען וואַרט אויף דער ישועה, איך זאָל זיי אריבערנעמען. נאָר מען דאַרף נאָך געלט... נאָך איז נאָך. און ווען מען וויל צען מאָל אזויפיל? הונדערט מאָל, מיין גאנץ פארמעגן? גיב איך דען נישט? א!..

— פאָרט דער מענטש צוריק און איך וואַרט. און דערווייל הויב איך אָן צו האָבן חלומות. בעזע, פינצטערע חלומות. עמיצער טאָרעט מיך אין שלאָף, וועקט מיך:

— שטיי אויף... דיינע האָט מען אויסגעקוילעט!..

— איך וויל מיר דאָס לעבן נעמען... נאָר איך רעד מיר אויס... נעם נאָך אמאָל דעם בריוו, וואָס כהאָב פון זיי באַקומען. איך מאך דעם חשבון, אז מען האָט פון קיין פאָגראָמען די צייטנס ניט געהערט... און די חלומות — נאַכט אויף נאַכט! דאָ זע איך דאָך, אז מענטשן קומען פון דאָרטן, בארוהיק איך מיך. בייטאָג בין איך רוהיק, ביינאכט גיי איך פון זינען אַראָפּ.

— עס איז דערגאַנגען אזוי ווייט, איך האָב דעם גרויל איבערגעלעבט אין אזא מאָס, אז עס איז ביי מיר קיין צווייפל ניט געווען, אז מ׳האָט זיי אויסגעקוילעט... אז ס׳איז געקומען צופאָרן נאָכאַמאָל דער מענטש און מיר געבראכט א בריוו פון זיי, שוין פון פאר דער גרעניץ, האָב איך דעם בריוו קוים געלייענט. עס איז מיר געווען ווי א בריוו פון יענער וועלט, פון טויטע... איך האָב געגיבן געלט וויפיל מ׳האָט פאַרלאַנגט. געגיבן אויטאָמאטיש, אָן אמונה... כ׳האָב געוואַרט און ניט געגלויבט... דער באַלעבאָס פון דער אכסניה און זיין ווייב, זער אנ׳אנשטענדיקע פרוי, האָבן זיך געפרייט.

זי האָט ממש געטאַנצט: „הער בערנשטיין, איך גרייט צו דעם אמתן אָנבייסן". „הער בערנשטיין, מאָרגן אין דער צייט"... און איך בין פאַרגליווערט. איך פיל אז ס'איז פוסטע. איך וועל זיי קיין לעבעדיקע נישט זען.

ער האָט אוועקגעלעגט דעם ציגאַר און גענומען קנאַקן די פאַרהאַרטעוועטע פינגער, אז כ'האָב געמיינט ער ברעכט זיך אויס די גלידער. ער האָט ווידער פאַרוויכערט, אָפגעטרייסלט דאָס אַש און א פרעג געטון:

— איר האָט געהערט פון א שטעטל „ווערטיוזשען", א סטעפּ. א קאָלאָניע?

— ניין.

— און פון א געוויסן אָפיציר מ.......?

— געהערט... יענער?..

— יאָ... יענער... יענער וואָס האָט אויסגעהאַרגעט אזוי־פיל בעזשענצעס, פרויען, קינדערלאַך... און וואָס דערנאָך ווען מ'האָט אים געשטעלט פאַרן געריכט כלומרשט, האָט ער געטענהט, אז ער האָט געהאַט אזא באַפעל פון אויוון, און מ'האָט אים באַפרייט... יאָ, יענער איז געווען בשותפות מיט עטלעכע יידן־קאָנטראַבאַנדיסטן. יאָ עס זאָל אייך קיין פאַרדראָס ניט זיין...

— נו... דאָס איז עס... מיין משפחה איז אויך אריין אין יענעם גורל... דעם צווייטן טאָג אין דער פרי, הער איך אין שטאָט א בשורה:

מ'האָט געהאַרגעט זיבעצן בעזשענצעס. שוין אויף דער זייט דניעסטר, אויפן בעסאַראַבישן, די קעפּ אַראָפּגענומען.

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

— איך האָב זיי געבראַכט צו קבר־ישראל. דאָס ווייב,

ביידע טעכטער, דעם איידעם, דאָס קינד, דאָס אייניקל...
דאָס האָב איך אָפּגעטון.

עס איז אַוועק עטלעכע מינוט. א שווערע פּויזע, ווי מען זאָגט עס אויפן שרייבער-זשאַרגאָן. וואָס האָב איך אים געהאט צו זאָגן? וואָס האָב איך אים געקענט זאָגן? און ער האָט דאָך פון מיר גאָרנישט פאַרלאַנגט... ער האָט ווידער אָנגעהויבן:

— אפשר וועט איר נאָך עפּיס טרינקען?

איך האָב אָפּגעזאָגט קאַטעגאָריש. און ער האָט זיך ניט געשפּאַרט, ער האָט ווייטער גערעדט:

— א שטיקל צייט האָב איך מיך ארומגעבלאָנקעט אין בעלץ. גאָרנישט. גלאַט אזוי. נישט געהאט קיין כוח אוועקצופאָרן. און וואוהן פאָרן? צו וואָס פאָרן? אכט און דרייסיק יאָר אלט האָב איך פארלאָזט די פאמיליע. און... איר זענט נאָך א יינגער מענטש, איך וייס נישט, צו איר וועט מיך פאַרשטיין... איך האָב פאר דער גאנצער צייט קיין פרוי ניט געקענט... זיך נישט דערלויבט אפילו דעם געדאנק צו צולאָזן. און איז געקומען א געדאנק האָב איך געזאָגט: ניין, איך געהער אינגאנצן צו מיין פרוי, דער מאמען פון מיינע קינדער... איך בין נישט מער ווי א שליח. איך דארף פאר זיי צוגרייטן א בעסער לעבן... טעג און נעכט האָב איך געחלומט פון איר, פון זיי... יאָרן... און איצט...

— איך בין דאָך צוריקגעפאָרן קיין אמעריקע, געפרוווט זיך פארנעמען ווייטער מיט געשעפט, נאָר געזען, איך קען נישט. האָב איך ווידער אלץ איבערגעלאָזט אויף מיין פאַרוואלטער, פארלעגט פאַר באקאנטע א תירוץ: איך פאָר קיין יוראָפּ מאכן געשעפט. און איך בלאָנקע מיך דאָ ארום. א גאַנצן טאָג גיי איך ארום אין שטאָט, אויפדערנאכט קום איך אין

קאַפּע-הויז, כ׳זיץ, קוק אויף מענטשן, ביז סע ווערט מיר ענג, און איך גיי אוועק אין האָטעל און ליג ביז טאָג...

— אין דער לעצטער צייט האָט זיך מיר געיאָוועט א געדאנק... ווייל איך טראכט פיל דערינען, האָט זיך מיר געיאָוועט אזא געדאנק:

א מענטש קען זיך טרייסטן. עס איז אין דער נאטור פונם מענטשן זיך צו טרייסטן. אט למשל זאָג איך צו מיר: מיט וואָס ביסטו בעסער פאר אנדערע? דו ביסט מער מיוחס פון אנדערע יידן? זענען דאָך גאנצע קהלות פארפייניקט געוואָרן... און איך צי ווייטער און זאָג מיר: קידוש-השם... איר הערט, איך טראַכט דערינען זער פיל, און טראכט ווידער צו מאל, אז דער גאַנצער ענין פון קידוש-השם איז גאָר זעלבסטנארעריי, עס איז א טירל צום אנטלויפן פונם טעמפן ווינקל. איך בין מיך משער, אז מענטשן וואָס זענען ביים פולן זינען פארן טויט, קערן בכיון טראכטן פון עפיס אנדערש, פון עפיס וואָס האָט אייגנטליך צום שטארבנדיקן קיין שייכות נישט און קען נישט האָבן, נאָר כדי צו אנטלויפן מיטן געדאנק פאר דער איינציקער אמתדיקער ווירקליכקייט, פארן טויט. איז עס, הייסט עס, מעגליך, אז דער גאנצער ענין קידוש-השם איז אויסגעטראכט כדי אוועקצונעמען ביים טויט זיין שרעקענדיקן כוח, און אזוי ארום האָבן א מעגליכ-קייט ווייטער צו לעבן, כאָטש, נאָך דעם עקספּערימענט וואָס מ׳האָט געמאכט מיטן לעבן, איז דער עסק ניט כדאי... איבערהויפט, ניט ווירדיק...

...איז, ווי זאָל איך אייך זאָגן? — איך קען נישט אנעמען אָט דעם פאָרשלאָג. עס איז פאר מיר צו אנ׳אָפּענער שפּיל איך זע צו קלאָר, וואָס דאס טירל וויל פון מיר. איך קען דורך דעם טירל נישט גיין... אפשר בין איך צו אלט. און אפשר בין איך צו שטארק...

אינ׳אמתן. איך האָב ערשט איצט מיר אָפּגעגיבן א חשבון וועגן דעם מענטשענס גוף. ער האָט געדאַרפט זיין אין די יינגע יאָרן דער ריכטיקער מאַן. עס איז מיר דורכגעפלויגן א געדאַנק: און ד ע ר קערפּער איז געבליבן אזויפיל יאָרן א... פּרוש?

לאַנג טראַכטן האָט ער מיך ניט געלאָזט, ער האָט באַשיימפּערליך געמוזט אויסלאָדן זיין אָנגעשפּאַנטן געדאַנק. ער האָט ווייטער געזאָגט:

— איז אָט, לעצטענס האָט זיך מיר אַן אַנדער טירל געעפנט. און דאָס פלאַגט מיך אָן אַשיעור. הערט. עפּיס האָט עמיצער אין מיר אָנגעהויבן טענהן: מענטש, האַסט געזינדיקט-האָסט געזינדיקט... מיט וואָס? דערמיט, וואָס האָסט געוואָלט זיין אַנדערש ווי די גאָרע וועלט. האָסט געוואָלט זיין ריי-נער, פרומער... עס איז געמיין... ווייל עס איז גאוה! זאָג איך צו מיר:

— אפשר טאַקי אמת? אפשר בין איך באַגאַנגען א גרויסן פעלער אין מיין לעבן? ס׳הייסט, איך מיין, כ׳האָב נישט געטאָרט זיין קיין אויסנאַם, אַנטלויפן פונם לעבן? איך האָב צופיל געוואָלט זיין א פרומער, נישט זינדיקן. איר פאַרשטייט? אַ מענטש אַ קרעפּטיקער, אין די בעסטע יאָרן, האָב איך די גאַנצע צייט פון מיין זיין אין אַמעריקע, געלעבט נאָר מיטן געדאַנק וועגן מיין פאַמיליע... אפשר טאָר מען נישט אזוי? אפשר האָט גאָט געשטראָפט איובן דווקא דערפאַר, ווייל ער איז געווען א צדיק? ווייל זיין א צדיק הייסט דאָך מאַכן אַלע אַנדערע פאַר רשעים. עס איז צופיל גאוה פאַראַן אין דעם וואונטש צו זיין א צדיק. אַ? ווי מיינט איר? צי קומט אייך נישט אַ מאָל אויפן געדאַנק, אַז די אַלע שטראָפער, די מוסרניקעס, די הונדערטפּראָצענטיקע יושרניקעס וואָס מאָגן

פונם מענטשן גאָלע צדק, אז זיי זענען אין תוך זער שלעכטע מענטשן, און דערפאר מאָנען זיי אזויפיל פון יענעם?

— איז דאָ, לעצטענס, מיר געקומען אזא געדאנק: אפשר טו איך ניט גלייך?... אפשר דאַרף איך, דוקא אזוי, טון עפּיס פון מיינעטוועגן. האָט דאָך איננאנצן יענע טואונג מיינע, וואס כהאָב איר אוועקגעגיבן מיינע בעסטע יאָרן, זיך גע-ענדיקט מיט א חורבן. אפשר דאַרף איך אָנהויבן א ניי לעבן, נישט ציילענדיק די יאָרן... אפשר? אלא נישט, צו וואָס פלאָנטער איך מיך נאָך? צו וואָס, ביי מיינע יאָרן, אזא קרעפּטיקער קערפּער?

ער האָט געקוקט אויף מיר מיט ברענענדיקע אויגן, או ס'איז געווען אַ שרעק — אט דער בליק אויף דעם פאר-הארטעוועטן פנים מיט דער ווייסער באָרד.

איך האָב מיך נישט געפונען וואָס צו ענטפערן, זיין בליק איז געוואָרן מילדער, אויסגעלאָשענער. ער האָט זיך אנגע-רופן:

— כ'האָב געהערט, איר האָט דאָ דיסקוטירט מיט חברים וועגן אזעלכע זאַכן...

מיר האָבן זיך געזעגנט. איך האָב נישט געוואַגט אים צו קוקן אין די אויגן.

# ר ו ז ש אַ נ ק ע

מיין ברודער דעם קדוש, דעם אומ־
שולדיקן קרבן פון מענטשלעכער
רשעות — א צייטווייליקע מצבה.

געלויבט זיי, דו פאַרהוילענער, וואָס האָסט געגיבן לעבן. טויזנט מאָל געלויבט זיי, וואָס האָסט געגיבן טויט.

טויט! אויסלעזער און גערעכטיקייט־פּאָטער, זיי געבענטשט!

טויזנט מאָל געבענטשט זיי, ווייל דו וועסט צוריקברענגען דעם מערדער צו זיין קרבן.

טויזענט מאָל געבענטשט זיי, ווייל ער וועט פון דיר קיין באהעלטעניש ניט געפונען.

טויט! האָפנונג און טרייסט מיינע... איך גלויב אין דיר, איך בין זיכער אין דיר.

און דאָך אזוי בין איך מקנא דיך, אָ רוזשאנקע!

רוזשאנקע, פיצאלי אָרימס.

דורך די שפּאַלטן פון דיין שטעלכל האָסטו געזען, ווי יאָסיל מסור האָט דיין מאמען, דער פרומער צדקת־קו וואָס דודל קאָנטראבאנטשיק האָט זיך פון יענער זייט אראָפּגעבראכט, די כשרע פיר ציצלעך אָפּגעשניטן... וואָס האָסטו געוואוסט? וואָס האָסטו פאַרשטאַנען?

ס׳איז געווען א לבנה־נאַכט מיט כמארעס, האָסטו אודאי געמיינט, אז ס׳איז שוין טאָג און דודלעכע גייט דיר דיין

חלק מאמע-שפייז צוטיילן... האָסטו דיך אויפגעשטעלט און א שטויס געטון מיט די זעקס-וואָכענדיקע הערנערלאַך:

— מאמע... מילך...

האָט אבער דיין מאמע אזא מעריקע געטון, אז די שייגע טאָכטער-אויגן האָבן זיך דיר איבערגעקערט:

— מ-מאָ-מע?

די מאמען האָט מען פארטאָג דערקוילעט, כדי זי זאָל ניט ווערן טריף, און רוזשאנקע איז געוואקסן ביי דודל קאָנ-טראבאנטשיק, א עלענטע יתומה.

רוזשאנקע — פיצאלי.

ביסט דאָך געוואָקסן ווי א קינד אין שטוב. און אז מען האָט דיך צום ערשטן מאָל אין טשערעדע געטריבן, איז גע-גאנגען מיט דיר דודל און דודלעכע און סע זענען דיר נאָכגעגאן אלע דיינע ברודערלעך און שוועסטערלעך, דוד-לעכעס קינדער, און ס'איז געווען אזא פרייד, ווי ווען מען פירט א קינד צו דער חופה.

און דו ביסט צו מזל א כלה געוואָרן.

רוזשאַנקע-טויב, דיינע וואָכן האָט מען דיר מיט סטענגעס אין דער קאָדע איינגעפלאָכטן, און ארויסגעקוקט האָט מען אויף דיין מוטערשאפט, ווי אויף א לעצטן שפראָץ פון א יחוס-דיקן שטאם. נאָר אין איינער א נאכט האָסטו זיך א פנים אין דיין מאמעס מעריקע דערמאנט, און דו האָסט די פרוכט פון דיין לייב אָפגעוואָרפן.

און אזוי דאָס צווייטע און דאָס דריטע יאָר.

וואָס האסטו בעקענט טון רוזשאנקע, אז אין דיין קאָפּ

איז פאַרבליבן א פאַרטאָג אַנ׳איבערגעשניטענער... וואָס האסטו געקענט טון?

וואָס זאָל אָבער טון דודל קאָנטראבאנטשיק׳ אז די צייטן ווערן וואָס אמאָל שווערער׳ אז יאָסיל מסור לאָזט נישט גנבענען די גרעניץ׳ און די שווארצע שאלן מיט די זיידענע פראנדזן פאַלן אריין צו די זשאנדארן... וואָס האָט ער גע-קענט טון׳ דודל? ער האָט דאָך געהאט נאך קינדער׳ דוד-לעבעס.

און דודל האָט ארויסגעפירט רוזשאנקען אויפן מאַרק.

שטייט דודל אָפּ א האלבן טאָג און וויל זי ניט פארקויפן צו דער שחיטה. די זון איז שוין אין סאמע מיט איבערן מארק און דודל וואַרט אלץ׳ סע זאָל קומען א קונה וואָס זאָל זי קויפן אויף פליד.

שיין איז געווען רוזשאנקע! די מוטער אויסן-אויג. לאנג׳ ברייט׳ א קאָדע ביז די קנעכל און א קאָפּ נאָר ווי געמאָלן. און שטיל ווי א טויב.

גייען טויזענטער מענטשן פארביי — א גוואלדאָווגע יאַ-ריד! — און יעדער מוז כאָטש א בליק טון. צענדליקער מענטשן קומען אנקוקן׳ מעסטן די קאָדע׳ פרואוון די מילך-קעשענעס. און רוזשאנקע טוט זיך נישט קיין ריר׳ גלייך נישט איר טוט מען עס.

ביז ס׳איז צוגעקומען יאָסיל מסור.

רוזשאנקע — טויב׳ וואָס איז מיט דיינע אויגן? וואָס פאַר פייער׳ פון וועלכן גיהנום האט דיינע אפלען אָנגעצונדן?

איין ריר׳ איין דריי מיטן קאָפּ. רוזשאַנקע האט א זעץ געטון יאָסיל מסור.

אָדערן האט א מענטש א סאַך, נאָר אז אפילו איינע פלאצט איז נישט גוט. ביי יאָסיל מסור האָט געפּיקעט אזא אָדער, וואָס זי אז זי פּיקעט, מוז מען שטארבן.

האָט ער דאָך קיין ברירה נישט געהאט.

*

און איצט, אז כ׳האָב דיר דערציילט די געשיכטע מיט רוזשאַנקען — זיי געטרייסט.

ווייל עס וועט נישט פארגיבן ווערן דאָס אומשולדיק פאַרגאָסענע בלוט.

ביז דאָס בלוט וועט נישט האבן קיין נקמה, וועלן די קלוגע נישט אויסטראכטן קיין מיטל קעגן טויט.

און דאָך בין איך מקנא דיך, אָ רוזשאנקע!

# אבשלום

דער קליינוואוקסיגער געפּאַקטער שיפס-דאָקטאָר האָט מיך אַוועקגערופן אויף א סוד. ער האָט, זאָגט ער, עפּעס וויכ-טיגס פאר מיר, עפּעס אזוינס...

— „וויסן זי, איך האָב עטוואס פיר זי געפונען, עטוואס ספּעציעל"...

ער איז אביסל קאָמיש, דער ברייט-ברוסטיגער קליינער פּראנצויז, מיט זיין מאַניע צו רעדן דייטש. עס דערמאנט מיר אין א באגעגניש פון מיינע יינגל-יאָרן, ווען, א זעכצן-יערי-גער גימנאזיסט, האב איך געמאכט א באזוך אין א שטעטעלע ביי וויטע קרובים... עס איז געווען אזא רוהיג זויבער שטעטעלע אויפן ברעג פונם דניעסטר! א באַרגיגער שאָסעי-טראקט צווישן צוויי שורות בוימער האָט געפירט אין „שטאט" אריין, און די „שטאָט", וואס האָט געציילט א קנאַפּע דריי הונדערט משפחות, האָט גערוט ביבליש, אין דער פאָרם פון אַ „ה" מיט א פּתח, ארומען מארק, א גרויסן אָפענעם פלאץ מיט א ברונען אין דערמיט. א שטעטעלע מיט בריה'שע שווי-מער, מיט א דרייי-גאָרנדיגער זעג-מיהל, ארום וועלכער עס זיינען געווען אָנגעלעגט ספּלאַוועס-טראטוועס.

אויף די ספּלאַוועס פלעג דאָס גאנצע שטעטעלע זיך בא-וויזן צוויי מאָל אין טאָג אום זומער, נאקעט ווי די מאמע האָט געהאט און — פּליוסק אין וואסער.

עס האָט פאַרמאַגט, דאָס שטעטעלע, א יוגנט... מיידלעך... עך, די מיידלעך, יענע מיידלעך, גלייכער איך זאָל זיי איצ-טער ניט באַגעגנען, ווארום אזוי, אז איך וויל, איז אפילו נישט פארמאכנדיק די אויגן, זע איך זיי פאר מיר, לאכנדיגע און ערנסטע, מיט נאסע צעפּ פונם וואסער... איצט קערן די צעפּ שוין קיין צעפּ נישט זיין און די מיידלעך — ווער ווייסט וואו זיי זענען.

איז דאָרטן, אין יענעם שטעטעלע, געווען אנ'אקושערקע וואָס האָט געשפּילט שאך. און א חדר מתוקן איז געווען מיט א מנהל א ליטוואַק. אט אין דעם מנהל דערמאָן איך מיך קוקנ-דיק אויפן דאָקטאָר און הערנדיק זיין דייטש:

— ווייסן זי, איך האַב פיר זי עטוואַס...

אויך יענער האָט מיר, אין משך פון דער צייט, וואס כ'האָב פארבראכט בא מיינע קרובים געהאלטן אין איין אוועקנעמען אויף א סוד:

— וויסן זי איך האַב עטוואַס.

איך האָב דעמולט נישט געוואוסט כאר וואָס דער מנהל פונם חדר מתוקן, דער ליטוואק, האָט צו מיר גערעדט דייטש-מעריש, פונקט ווי איך ווייס איצט נישט כאר וואס דער פראנצויז האָט עס געטון...

— ע ביען, דאָקטאָר?

זאָגט ער מיר: אזוי ווי איך בין א יידל, א זשורנאליסט, איז מיר אודאי אינטערעסאנט צו געפונען יידן. בכן ס'איז דאָ...

— אונד צוואר וויסן זי? דיזער, דער אַווסאלאָם...

און ער ווינקט מיר צו מיטן אויג: דיזער.

זע איך; עס איז איינער פון די זיבן מוזיקאנטן פונם אָרקעסטר.

— דער מוזיקער?

— יא וואָהל ?... אונד צוואר, ער לערנט תלמוד ! ביי־נאכט...

*

זיי זענען געווען זיבן. אין די שעה׳ן פון מוזיק, ווען אין געַנוג גרוימען זאַל פלעגן זיך צונויפקומען עטליכע לאַנג־ווייליגע פאסאזשירן, האָבן די זיבן שפילער געמאכט דעם איינדרוק פון א הייפל דאָן-קיכאָטן, וועלכע האָבן זיך פאר־לעגט מיט זייער געווער, סאקסאפאָנען, פידלען, פויק און וויא־לאנטשעל, גובר צו זיין די גרויסע לאנגווייליגקייט פונם ים. מאַנאַטאָן און מעלאַנכאָליש האָט געצויגן די מוזיק, ווי אנ׳־אָפּקומעניש. די שפילער האָבן זיך געביטן פון צייט צו צייט מיט א בליק, און איך האָב אים געטייטשט:

— אנ׳עבירה זיך אָנצוטון א כח. פאר וועמען איז דאָ פאראן צו שפילן ?

דורך די גרויסע פענצטער האָט זיך אלע מאָל באוויזן דער ים, דא פון דער זייט, דא פון יענער זייט, לויטן ריטם פון דער שיפס-באוועגונג, און ס׳האָט זיך געדאכט: דער ים דראפעט זיך צו צוקומען צום זאל, א קוק צו טון צו די שפילער און צו דער מוזיק.

דאָס זענען געווען געוויינליכע נומערן, כדי צו פארפולן די שעה׳ן און אָפּצוקומען דעם חוב.

אין די שעה׳ן פלעג אבשלום שפילן אויף קלאוויר, אַקאָמפּאנירנדיק זיינע חברים.

נאָר אָט פולט זיך אן דער זאל, פאסאזשירן, שיף-מאנ־שאפט, עס באווייזן זיך נייגעריגע אין די פענצטער ; עס קומט דער לעצטער נומער :

דער אקאָ-דעאָן...

זיי בלייבן נאָר דריי. און אלע דריי יידן. דער שעף פונם אָרקעסטר זעצט זיך צום קלאוויר, דער סאקסאפאָן-שפילער

נעמט דעם פידל און אבשלום טוט אָן דעם אַקאָרדעאָן.

דאמאָלס געט אוועק א גאנץ אנדערע מוזיק. דער זאל קומט אין באוועגונג, די טישלעך און שטולן ווילן זיך דאכט זיך אויפהויבן און גיין צום טאקט, עס באוועגט און וויב-רירט;

טויזנט טייוואָלים שפילן ארויס פון די דריי יידן, צען מאָל אזוי פיל פון אים, פון אבשלום׳ן.

עס שפילן נישט נאָר זיינע פינגער, נאָר זיין גאנצער קערפער, אלע נערוון, די גראָע אויגן צינדן זיך אָן אָט מיט חוזק, אָט מיט טרויער, דער שטן אליין וואָלט עס בעסער ניט געמאכט. עס איז נישט מער קיין מוזיקאנט, נאָר א — מזיק.

און אָט הויבט ער זיך אויף מיטן אקארדעאָן, ער שפילט און באוועגט זיך ריטמיש צום טאקט, דער קערפער איז ווי א שימערירנדיקע שלאנג, די קניעס וועקן ליידנשאפט.

— דיאבל...

נאָר דער דיאַבל זיצט שוין צוריק רוהיג אויף זיין בענקל, שפילט סטאטעטשנע, גלייך נישט אים מיינט מען עס. א וואונק מיטן שעף און מיטן פידלער: גענוג, הייסט עס, פאר די סוחרים... און די מוזיק איז אויס.

אזוי טאָג איין, טאָג אויס.

*

מיר זענען שוין געהאט געפאָרן היבשע עטליכע מעת-לעת, ווען כהאָב מיך דערוואוסט דאָס „וויכטיגע עטוואָס״, אז דער אַקאָרדעאָן-שפילער איז א ייד און אז ער לערנט באנאכט „תלמוד״.

און הייסט אבשלום, אווסאלאָם...

עס איז געווען קלאָר, אז דער טיפּ איז נישט קיין גע-ווענליכער, נישט נאָר מיט זיין טייוולאָנישן שפילן אויפן

אקאָרדעאָן, נאָר אינגאַנצן בכלל. און דאָך האָט פון אים גע־ווייעט מיט אזא פשטות, כמעט מיט קינדישער תמימות. ער איז געווען עטוואָס העכער פון מיטל־וואוקס, היבש געבויעט, פּראָפּאָרציאָנעל. טונקל־בלאָנד, מיט א זעלטן ריינעם מא־טאָון הויט־קאָליר, און א שפּרענקעלע אויפן פנים, מיט א הויכן קלאָרן שטערן און ווייכער שעוועליור.

עס האָט פון אים געווייעט מיט קערפּערליכער זויבערקייט און פּינקטליכקייט, און מיט גוטסקייט, אין די שעהן, ווען ער איז געווען פריי פון דינסט, פלעג ער קומען אין זאל און שפּילן אויפן קלאַוויר, שטודירן. שעהן און שעהן אזוי אָפּזיצן אליין און ארבייטן. ער פלעג באדעקט ווערן מיט שווייס פון אָנשטרענגונג, נאָר ניט אויפגעהערט צו ארבעטן.

און אז ער איז שוין געווען גוט מיד, זיך א שאר געטון די טשופּרינע און זיך ארומגעקוקט און פארשעמט געלאכט. ער איז קיינמאל נישט ברוגעז געוואָרן אויף די קאָלעגן וועלכע פלעגן אים אמאָל שטערן אין דער ארבייט איראָניזירנדיג:

פּאדערעווסקי...

ער האָט געלאכט, אראָפּגענומען דעם פּאַנטאָפל, וואָס מען ווארפט אים אונטער אויף די קלאַווישן, און ווייטער געשפּילט.

מען האָט געזען, אז דאָס איז אַן׳ארבעטזאמער עקשן און אז ער האָט נישט נאָר ליב מוזיק, נאָר האָט אכטונג צו זיין בארוף, און האָט א טיף געפיל פון פאראנטוואָרטליכקייט.

עס איז געווען ביי אים נישט נאָר מיט מוזיק!..

מיר האָבן זיך באקאנט, איך דערמאן מיך נישט מער ווי אזוי. אַך, יאָ, עס איז געווען אין א נאָכמיטאג אין זאל ביים קלאַוויר. ער האָט געשפּילט און איך בין גראד געזעסן נאָענט און צוגעקוקט. פּלוצים האָט ער אָנגעהויבן נעמען אַקאָרדן

פון כל-נדרי. ער האָט באלד אָפּגעריסן און זיך געווענדעט צו מיר:

— עברי?..

— עברי...

ער האָט זיך צעלאכט, גיך אָנגעהויבן רעדן, שנעל דער־ציילן: ער לערנט זיך אליין העברעאיש. שרייבן קען ער ניט, נאָר געדרוקטע אותיות. און ער שרייבט מיר אויף: א ב ש ל ו ם.

עס איז אים אנגעקומען געגנוג שווער. ווען ער דאַרף עס אויסשפּילן אויפן אקאָרדעאָן, מאכט ער עס פלינקער... ער איז אָבער נישט שולדיג, מען האָט אים נישט געלערנט. איצט בא אכט און צוואנציג יאָר וויל ער פארפולן דעם בלויז. ער איז אָבער 25 טעג אין חדש אויפן שיף און 5 טעג אויף יבשה. ער לערנט זיך אליין.

און ער ברענגט מיר באלד דעם „תלמוד"...

דאָס איז א העברעאיש לערנבוך, א גראַמאטיק מיט א וואָקאבולאר, — אויף שפּאניש. דעם חבור האָט געמאכט א שפּאנישער יעזואיט פאר קאטוילישע גלחים-אקאדעמיעס. עס איז א געוויסנהאפטע ארבעט פון א קאטוילישן העברעאיסט, געווירמעט עפּעס א בישאָף. דאָס איז דער „תלמוד"...

עס איז געווען נאָך א בלעטל, מיט א קריסטליכן סימבאָל, האָט ער עס אָפּגעריסן און אוועקגעוואָרפן. און ער האלט שוין ווייט, אבשלום! ער קען שוין עברי...

און אָט איז זיין געשיכטע.

דער פאָטער איז געווען א לעמבערגער ייד, אַן עלעקטראָ־טעכניקער. די מוטער אַ ספרדישע פון סטאמבול. ער איז געבוירן געוואָרן אין מאדריד, וואו די עלטערן האָבן זיך נאָך דער חתונה באזעצט, אַ יאָר אכט איז ער אלט געווען, ווען די מוטער איז געשטאָרבן, האָט אים דער פאָטער אָפּ־געפירט צוריק קיין סטאמבול צו אירע קרובים און אליין

אוועקגעפאָרן קיין דענעמארק. אין סטאמבול איז ער געווען ביז 1917. דאָרטן האָט ער געלערנט אין א פראנצויזישער שול פון דער אליאנס. דאָרטן אָנגעהויבן שטודירן מוזיק, אין 1917 קומט דער פאָטער און נעמט אים צו און זיי פאָרן אוועק קיין בארדיטשעוו!... וואָס פלוצים? אָט:

דאָרט האָט געוואוינט דעם פאָטערס א שוועסטער... דעם פאָטער האָט מען געהרגעט אין פאסטאָוו ביים ערשטן פאָג-ראָם און ער איז צוזאמען מיט אנדערע בעזשענצעס אַנטלאָפן און זיך דערשלעפט קיין פראנקרייך. ער האָט זיך אנגאזשירט אלס מוזיקער אויף דער שיף און פון דאַמאָלס אָן פאָרט ער... אַך, יאָ. א יאָר געווען אין איטאליען, וואו ער האָט שטודירט אלץ מוזיק, דאָרטן זיך אויסגעלערנט שפילן אויפן אַקאָרדעאָן. ער האָט א פרוי מיט דריי קינדערלעך אין באָרדאָ...

ער מאכט עס בקצור, זיין לעבנס-געשיכטע... ער איז געשווימען, ווי א שפענדל מיטן שטראָם. מאדריד — סטאמבול — בארדיטשעוו — פראנקרייך, וואָס האָט ער געקענט טון דערביי? איצט שווימט ער ווידער... אָבער אין דעם שפענדל ברענט א פייער, ווי אין ביבלישן סנה... פאַרוואָס א שטייגער, פרעגט ער מיך, זאָלן יידן נישט מאכן קיין ארמיי און גיין אָפּנעמען ארץ-ישראל?... ער איז גרייט מוכן ומזומן, באלד צו גיין אין אזא ארמיי אַריין!...

אומזיסט וועט איר פּרוואוון דיסקוטירן מיט אים! ער פארשטעט נישט. וואָס הייסט? ווער וועט ניט לאָזן? עס איז דאָך אונזער, אונזער לאַנד! אלא ניט זאָל מען אונז גיבן אַנ׳אנדער לאנד!... ער רעדט וועגן די באוואוסטע אויגוסט-געשעענישן און פון די אויגן שפריצט פייער: נאָך וואָס לאָזן מיר זיך?

הער איך אים אזוי און טראכט מיר אלץ איינאיינעם: ווען,

ווי אזוי איז עס צו אים דערגאנגען אָט דער גאנצער ענין? ווען האָט ער צייט געהאט?

דער סורפריז ווערט מיר אָבער גרעסער ביים ווייטערדיגן רעדן מיט אים. עס לאָזט זיך אויס, אז אבשלום איז ניט נאָר א ווירטואָז א מוזיקער, וואָס ארבעט איבער זיך אָן אויפהער; ער לייענט זער א סאך. איבערהויפט געשיכטע. ער איז גוט באהאוונט אין דער אַלגעמיינער געשיכטע און איבערהויפט אין דער פון שפאניען... יעדער דעטאיל איז אים באקאנט. די גאָלדענע תקופה אין שפאניען, די געשיכטע פון דער אינקוויזיציע און פונם גירוש. ער לעבט איבער די דראמע פון יידן אין שפאניען גלייך עס געשעט היינט, און גלייך ער איז דערביי.

— איר זעט, ווייזט ער מיט דער האנט צו דער זייט וואו עס דארפן זיך באווייזן די קאנאדיען-אינזלען, אָט אָ די אינזלען וואָלטן געקענט א סאך דערציילן פון יידישע ליידן... ווען נישט די אינקוויזיציע, ווען נישט די קאטוילישע קירך, וואָלטן איצט דאָרטן געווען מיליאָנען יידן. און אָט דאָ — פירט ער מיט דער האנט אהין, וואו עס דארף זיין דער איבערישער האלב-אינזל, אָט דאָ וואָלטן געווען יידיש-שפאנישע לענדער. סאקראמענטאָ!

---

ער כאַפּט פאר כעס זיין „תלמוד" און שמיצט אים אויף דער ערד און, א פארשעמטער, נעמט ער לאכן און בעט זיך מיט אים איבער.

— וויסן זי, איך האָב עטוואָס געפונען...

דאָס צייט מיך ווידער פארן ארבל דער ציגעוואטע דאָקטאָר.

— אַ יידן, הער דאָקטאָר?

— יאַ, ווי זאָ וויסן זי עס?...

— איך ווייס... אין צוואר, העד דאָקטאָר, זייט נישט ברוגז, איך מעג שווערן, אז ער איז נישט ווייט פון מיר העז?

ער קוקט פארשעמט. אזוי ווייט האָט ער נישט געמיינט.

— אדיע...

— אדיע.

# אויפן סטעפ

ביידע, אי שלמה אי וועלוועל, זענען געבליבן אַ ווײַלע ערנסט פֿאַרקלערט און זיך אײַנגעהערט מיט כּוונה אינם טופּן פֿון די פֿערד און אין גערויש פֿון דער בריטשקע, וועלכע זענען פֿאַרשוואונדן אינם משופּע באַרג־אַראָפּ, צו דער הרעבליע פֿונם גרויסן סטאַוו.

ביידע, סײַ שלמה סײַ וועלוועל, האָבן געוואוסט וואָס יעדער פֿון זיי טראַכט, נאָר זיך אײַנגעהאַלטן, ווי ס'רוב פֿעלד־מענטשן, זיך באמת צו בלײַבן פֿאַרבאָרגן. אָבער נאָך עטלעכע מינוט האָט דער היציקער וועלוועל ניט אויסגעהאַלטן און אַרויסגעבורטשעט:

— אַנו, שלמה, טו נאָר אַ קוק אַרויף אויף אַ סטויגזע נאָר, ער קערט זיך ניט אום?

וועלוועלס ביסטרע שוואַרצע אויגן האָבן געבלישטשעט מיט חוזק, נאָר אַז שלמה האָט אַלץ פֿאַרעקשנט געשוויגן, האָט וועלוועל, וועמען ס'איז שווין היינט אַ פּנים דערגאַנגען ביז צו דער לעבער, אַ זאָג געטון:

— ער איז דאָך מיר שטענדיק זער גוט... נאָר היינט האָט ער געהאַט די נעכבע...

שלמה האָט געשוויגן. ער איז געשטאַנען אויף דעם זעלבן פֿלאַך, זיך ניט גערירט און נאָר געקוקט מיט די גרא־בלאַע ים־וואַסער־קאָלירענע אויגן אין וועלכע ס'האָט זיך קלאָר געזען דער פֿאַרדראָס. עס האָט אים פֿאַרדראָסן דאָס, וואָס

וועלוועל רעדט אזוי אויף זיין, שלמהס פעטער, און ער קען וועלוועלען גאָרניט זאָגן דערויף, ניט אפילו א וואָרט, און קיין טראסק דערלאנגען אודאי נישט, ווייל, ראשית איז וועלוועל עלטער, והשנית איז וועלוועל דעם פעטערס זון, אז דער פעטער איז נישטאָ, איז וועלוועל באַלעבאָס. בשעת ער, שלמה, איז נישט מער ווי א וואַטעף, א מענטש אונטער וועלוועלס האנט... און נאָך האָט אים פארדראָסן, הלמאי וועלוועל רעדט אזוי וועגן אנ׳אייגענעם טאטן. ער איז געוואוינט, שלמה, אז פאר א טאטן דאַרף מען האָבן דרך-ארץ; אפילו די גוים האָבן דרך-ארץ פאר א טאטן, אירצען אים... איז ער געשטאנען, זיך געשטאָכן די ציין מיט א שטרוי, געקוקט פארעקשנט אראָפּ צו דער איינגעקלאפּטער ערד. וואָס מהאָט צוגעגרייט פארן טויט, און געשוויגן.

וועלוועל האָט פארשטאנען. ער האָט געוואוסט אז שלמה איז שטאָלץ מיט זיין פעטער און כאָטש דער דאָזיקער פעטער איז דאָך זיין, וועלוועלס, טאטע, וועט שלמה ניט באַכלאָגן אויף קיין האָר פון דעם דרך-ארץ, וואָס מ׳איז שולדיק א באלעבאָס. האָט ער אים א נעם געטון אויף די שוואכע סטרונעס:

— טפש, וואָס טראכסטו, וואָס? ס׳איז דען א מענטש? ס׳איז דאָך א חיה, א זווער. גאָט זאָל מיך ניט שטראָפן, מען טאָר ניט רעדן, ס׳איז אנ׳אייגענער טאטע...

און נעהענטער צו שלמהן, אינטימער:

— ווען ער איז א מענטש, וואָלטן דאָך אלע קרובים געווען מיט לייטן גלייך... אזא ייד ווי דיין טאטע, וואָס — כ׳ווייס? — מען דארף אויספאָרן א וועלט!.. זאָל ער דינען ביי א פרעמדן אין א וואלד... ער קען אים נישט גיבן קיין שטעלע ביי זיך? צי דער פעטער יאנקעל, דער פעטער נתן?

וועלוועל האָט אָנגערירט וואו מען דאַרף. ער האָט גע-

וואוסט, אז שלמה איז צוגעבונדן צו משפחה, האלט טאקי אזוי דערפאר פון זיין, וועלוועלס טאטע, מערער ווייל ער איז אים א פעטער, ווי ווייל ער איז רייך, און אז ער האָט געטון א שפּיל אויף די תרעומותן פון דער משפחה, האָט זיך שלמה א וואקל געטון. וועלוועל האָט זיך צעוואַרמט:

און וואָס האָט ער אונז דאָ א גאנצן טאָג געסאָטעט די קישקעס? ווער איז שולדיק, וואָס מ'האָט פארשפעטיקט מיטן דרעשן, אז נישט ער? ער האָט מורא געהאט טאָמער וועלן עטלעכע אָרימע יידן רעשטשניקעס פארדינען מער מיט צוואנציק קערבלעך... וואו ביי אים קומען אהין צוואנציק קערבלעך!

שלמה האָט זיך באמת א וואקל געטון. ער זאָגט טרויע־ריק:

— מען בענטשט שוין ראש חודש אלול...

וועלוועל כאפּט אָן דעם פּאָדים, האלט אים פעסט:

— צוואנציק קראַפּן, משטיינס געזאָגט. וואָס ס'האָט ביי אים פאר א ממשות. טויזנטער פארברענגען צוליב א פוסטן נצחון יאָ, און אז סע קומט צו גיבן פארדינען אנ'ארימען יידן א קערבל איז ער נישט ביכולת... אז איך זאָג דיר, אז ס'איז נישט קיין מענטש!...

און זעענדיק שלמהן א געוואָרגענעם, איז ער ארויס מיט דער אייגענער וואונד וואָס האָט אים לעצטענס גע־טאָטשעט:

— ווען ער איז א מענטש ווי מענטשן זענען, וואָלט ער גענומען מיך, א ייִנגעמאן ערשט נאָך א חתונה מיט א ווייבל וואָס האָט געענדיקט א גימנאזיע, און באזעצט דאָ אויפן פעלד? איך וואָלט נישט געקענט וואוינען אין שטאָט און קומען צופאָרן אהער? וואס איז? נאָר ער פארגינט נישט. ער קען נישט ליידן וואס נאָך אנדערע לעבן אויף דער וועלט. אזא מענטש איז עס...

און א זיכערער, אז שלמה איז שוין אינגאנצן צעשאָקלט, מאכט ער שעלמיש:

— מענטש איינער, ער פארגינט מיר נישט וואָס איך האָב א יינג ווייבל און ער מוז זיך באגנוגן מיט דער מא-מען... איך זאָל אזוי לעבן!

שלמה האָט מיטאמאָל זיך א דריי געטון, אָן א וואָרט צו זאָגן, אוועקגעשפאנט צו דער צייטווייליקער פעלד-סטאָדעלע, וואו איינער פון די פיר-וואטאוועס האָט אים געהאלטן דאָס אָנגעזאָטלטע פערד, ער איז פלינק אריין אין זאָטל, צוגע-ריטן א פּאָר שריט צו וועלוולען און ניט קוקנדיק צו אים געזאָגט:

— איך פאָר צו צו דער פערד-מאשינע. דער פעטער האָט געהייסן לאָזן מאָרגן ביידע: די פערד מאשינע און די פּאַראָוואַיא.

און א פלעם געטון דעם פערד אין די ליטקעס.

וועלוועל האָט אים נאָכגעקוקט מיט הנאה. עס האָט אים הנאה געטון ווי שיין שלמה זיצט אויפן פערד און געווען צופרידן, וואָס דער קרעפּטיקער שיינער יונג איז זיין משפחה. זיין טאטנס שוועסטערס זון. עס האָט אין אים אויך א רעד געטון קנאה:

אפשר זיך אויך אויפזעצן אַ רייט טון?

דער בליק האָט זיך אבער פאַרפלאָנטעט אין דעם שטייפן שלאנקן שיקסל וואָס האָט זיך צוליב עפּיס געהאלטן איז איין דרייען צווישן די סטויגן. ער האָט זיך דערמאנט אין זיין יונג שטאטיש ווייבל, וואָס פלאגט זיך נעביך דאָ אין פעלד. עס האָט אים א ברי געטון אונטער די פאכוועס און ער איז אַוועק א היים צו דער שורה שטיבער וואָס אויפן העכערן ברעג פון דער אזיערא, וואוינען די יידישע „מענטשן" וואָס דינען אויף דער פּאָסעסיע.

ער האָט אים גוט געקענט, דער דורכגעטריבענער ווען ווילער:

די פערד האָבן נאָך נישט געהאט דערגרייכט קיין האַלבן בארג-אראָפּ און מעכל האָט שוין געהאט א ישוב צו הייסן אויסדרייען אויף צוריק, ער האָט כלומרשט עפּיס פארגעסן. עס האָט אים אויסגעפּעלט א ביסל צו דער מאָס פלאגעניש וואָס ער האָט היינט אָנגעפלאגט זיינע „מענטשן", ער איז זיי נאָך שולדיק געבליבן... האָבן אָבער די זאטע שטארקע פערד דאָס מאָל א נעם געטון ראפּטום און אז מ'איז ארויף אויף דער הרעבליע פון דער גרויסער ברייטער אָזיערע, האָט שוין מעכל א מאך געטון מיט דער האנט:

— מילא. ער וועט זיי שוין היינט שענקען.

די דאָזיקע מילדקייט האָט אים גאָרנישט געקאָסט, מעכלען, ער האָט זיך געקענט פאר אַ גוטן בטוח, ער וועט זיי אָפּגיבן מיט פראָצענט. ער האָט זיך פעסטער באזעצט אין דער בריטשקע, געפילט ווי די רעסאָרן קומען זיך צונויף אונטער זיין משא, געפילט די מאסיוויטעט פון אייגענעם קערפּער און ס'האָט אים הנאה געטון. ער האָט אויך איצט, ווי פיל מאָל פריער, א פּרוואוו געטון מיט ביידע הענט אן די זייטן פון זיך, אָפּגעשאצט, אז ער אליין פארנעמט דעם גאנצן זיץ פון דער רחבותדיקער בריטשקע, אז ס'איז קיין אָרט נישט געבליבן פאר נאָך עמיצן, זיך אליין אָפּגעשפּראָכן פון א גוט-אויג און צו דערזעלבער צייט צו זיך א זאָג געטון:

— איך פייף אויף זיי.

דער אויף זיי איז געמיינט די יינגעלייט, דעם אייגענעם זון, וועלוועל, ארייננגער'עכנט. ער איז נאָך ברוך השם מער מענטש פון זיי, כאָטש זיי זענען אויך ניט קיין מלופים-קינ-דער. און מיט אמאָל האָט זיך אים אומגעקערט דער כעס וואָס האָט אין אים געארבעט דעם גאנצן טאָג און צוליב

ווּעלכן ווּעלווּעל, וואָס האָט אים געקענט געבוג האָט נעזאָגט, אַז היינט האָט ער געהאַט די נעכבע.

פאַרטאָג נאָך ווען ער איז אוועקגעפאָרן פון דרהיים האָט ער אריינגעוואָרפן די שלאָפנדיקע מעזיניקעס די אמתע סטוסאַקעס. דאָס איז געווען אזוי זיך א נאַדיזנע אויפן ניכ-טערן מאָגן. או ער איז ארויסגעפאָרן פון הויף האָבן אים באַגלייט פון הויז דאָס רעווען פון די געשלאָגענע יינגען און די קולות פונם ווייב וואָס האָט זיי געפּרווט איינ-שטילן:

— שאַ, שאַ, קוק אָן, ער האָט דיך נישט געהארגיט!

און אז ער האָט זיך דערמאנט אָן איר, אָן דעם ווייב, האָט זיך עס ערשט גוט צעזאָטן אין אים:

— אזא נבלה... אזא...

דאָס האָט ער געמיינט דאָס ווייב, די שטילע פרומע פראָסטע יידענע וואָס האָט מורא פאַר זיין דעך שוין אַ חשבון פון דרייסיק יאָר, האָט אימת-מות פאַר זיין למדנות, פאַר זיין קידוש-מאַכן, פאַר זיין רייכקייט, פאַר זיין דאוו-נען.

— אזא... זי זאָל אים אזוינס אָפּטון!.. אים! גאָר מאָגען געלט ביי אים? פופציקערס? איצט, אויף דער עלטער?... און ווער האָט זי עס געקענט אויסלערנען?

פאַרשפּעטיקטע פויערן, מיט שווער אָנגעלאדענע וועגענער ריזיקירענדיק זיך איבערצוקערן מיט די הויך אָנגעלעגטע, אויף משקולת, תבואה סנאָפּעס, גיבן אים וועג, נעמען אראָפּ די היטלעך; מעכל זעט עס, ווערט נאָך תקיפער, דער כעס וואַקסט:

— עך, ווען איך בין יינגער מיט א יאָר צוואנציק, וואָלט איך איר געוויזן.

אין מוח פלאָנטעט זיך דאָס שיקסל וואָס האָט זיך היינט

דאָרט געדרייט צווישן די סטויגעס. ווער איז זי? וואָס האָט זי געדאַרפט דאָרטן? וועלוועל? שלמה?

מיטאַמאָל קומט ער צו זיך, פאַרשעמט זיך:

— אין מײַנע יאָרן... אין מײַן שטאַנד...

פאַרענטפערט זיך אָבער באַלד:

— אַז דער אויבערשטער האָט געגעבן כּוח... אַז כ׳בין נאָך מער מענטש פון זיי...

ער פּרוּווט זיך פאַרטיפן אין אַנדערע געדאַנקען, שעפּן תענוג פון די וועלדער פּאָפּושויעס, פון זייער באַלאַדענקייט: צו צוויי, צו דריי, צו פינף אויף אַ סטעבל. פון דעם נחת קומט אים אָבער צו אַלץ מער יצר-הרע און ער קערט זיך אום מיטן געדאַנק צון איר, צו זײַן ווײַב וואָס האָט אים אָפּגעטון אַזאַ שפּיצל, אים:

— געלט גאָר מאָנט זי... פּופּציקערס... פייגעלאַה!

ווי אַ טרענקענדיקער פּרוּווט זיך אָנכאַפּן אָן אַ שטרוי, פּרוּווט מעכל צו טראַכטן פון עפּיס אַנדערש, פון מסחר, דערנאָך זיך דערמאַנען אויסנווייניק אָן אַ סוגיא פון דער גמרא, אָן אַ מאמר פונם רבין און, ווי געפונען אָן וואָס זיך אָנצוכאַפּן, טוט ער אַ יעכץ:

— גאַווורילאַ!

גאַווורילאַ טוט זיך אַ וואָרף ווי אַן אָפּגעבריטער:

— וואָס איז פּריץ?

— דוראַק!... מאַכט מעכל.

עס טוט אים הנאה דאָס רוסישע וואָרט „דוראַק" און גאַווורילאַס ציטער. ער דערפילט זיך צוריק באַלעבאָס, אויף אַלעמען.

— גאַווורילאַ!

— וואָס איז פּריץ?

— ווי מיינסטו? מיר וואָלטן נאָך געקענט היינט אָנציען צום הייליקן ראַבין?

גאַווריִלאַ טוט אַ לאַסקע די פערד מיט דער בייטש, צערטעלט זיי אַזוי די ברייטע אויסגעפּרעסענע זאָדעקעס, שעפּט פון זיי תּענוג און ענטפערט:

— מען קען, פריץ...

מעכל שמייכלט זיך אין באָרד אַריין. און מיטאַמאָל קומט אַ געדאַנק, פון וועלכן ער ווערט שוין גאָר פריילעך:

ער וועט איר צוזאָגן, אַז ער וועט זי מיטנעמען אויף שבת קיין שטעפּאַנעשט צום רבין. ער וועט זי אָפּנאַרן... נאָר צו־זאָגן איר...

— פייגע־לאה! פּופּציקערס וועל איך דיר גיבן!...

אַריינפאָרנדיק אין שטעטל אַריין האָט מעכל אויף זיך אַרויפגעצויגן אַ געפּיעסטעט מין שוואַכקייט. און ווען ער איז אַרויפגעקומען צו זיך אויף דער וועראַנדע, האָט ער באַפוילן גאַווריִלן שוין מיט אַ קול פון אַ פולשטענדיקן חלוש, ווי ער וואָלט געבעטן זיך:

— גאַווריִלאַ, וועסט אויסשפּאַנען די פערד.

גלייך ער האָט פאַרלוירן אויפן וועג די געזונטע ברוסט־שטים מיטן יעכץ, און גלייך גאַווריִלאַ האָט אַליין נישט גע־וואוסט, אַז מען דאַרף אויסשפּאַנען.

ער האָט זיך געוואַשן די הענט און געזאָגט „אשר יצר", און געזאָגט אַזוי שוואַך, אַזוי זיך פעסטענדיק, גלייך אָט־אָט און ער פאַלט אַוועק. די יידענע האָט זיך געדרייט, געגרייט צום טיש, געווען פול מיט יסורים פון זיין קרעכצן. און כאָטש ער האָט געזען, אַז דער טיש איז געגרייט און סע וועט מן־הסתם באַלד גיין אַהינצו מכל־טוב, האָט ער זיך דאָך פאַר איר אַ קלאָג געטון:

— פייגע־לאה, סע חלשט מיר דאָס האַרץ... כ'האָב היינט אין מיין מויל נישט געהאַט...

די פראָסטע וואוילע יידענע האָט אים געגלויבט, ניט געוואוסט, אז ער האט אויף דער אַדאַיע אריינגעכמאליעט א טאָפּ סמעטענע, א שיסל וואַרעניקעס, א צענדליק געזאָטענע פּאָפּשויעס, עטלעכע ארבוזעס, און אז די יונגע שטאָטישע שניר האָט אליין נעביך נישט געוואוסט וואָס נאָך פאר א עסן זי זאָל אים צוטראגן, אבי זי זאָל אים צופרידן שטעלן. פייגע-לאה האָט געגלויבט, אז מעכל האָט נעביך היינט אין זיין מויל נישט געהאט, האָט זי פרום און פראָסט געבענטשט אלע מענטשן פון דער אדאיע:

— קרענקען זאָלן זיי, זיי פרעסן און זויפן אונזער פאר-מעגן.

און די יונגע שנור:

— קרענקען זאָל זי... נישט געהאט פון וואנען צו גיבן דעם שווער קיין עסן.

מעכל האָט געקרעכצט און געגעסן.

ער האָט אריינגעשלונגען אזוי פאמעליכן א טעלער פיש-כאלאדעץ, א קאָפּ פון א פיש, א גאנצע הון, אָן ברויט — מחמת ער האָט, זאָגט ער, צוקער — א סלאי מארינירטע רויטע פּאָמידאָרן, געטונקען אין מעליץ, אויסגעוואָלגערט אין מעליץ און ביי יעדן מאָל אראָפּשלונגען אזוי א פּאָמידאָר מיט מעליץ, געמאכט:

— אַ!

דער „אַ" האָט געזאָלט זיין א מליץ-יושר פאר זיין צוקער-קראנקהייט, עס זאָל דעם מעליץ נישט רעכענען, ווי איינער רעדט:

— נאַ זעסט דאָך אליין, אז ס'איז גיט מעגליך אנ-דערש...

דערנאָך האָט ער אריינגעוואָרפן עטלעכע טעלער פארשי-דענעם צימעס און דערנאָך באַרן מיט עפל און פלוימען. און דערנאָך ארבוז.

אז ס׳איז געקומען צום ארבוז, האָט זיך אין אים א וועק געטון דאָס ווייך געוואָרענע געוויסן, האָט ער אָפגעשניטן א רייפטל אויך פארן ווייב און מיט רחמים א זאָג געטון:

— פייגע-לאה... עס א שטיקל ארבוז.

די יידענע איז געווען גערירט. זי האָט זיך צוגעזעצט, אויך געוואָרן א שותף צום עסן און צום קרעכצן. איז אוועק א פרישע סדרה, ארבוז, באַרן, פלוימען, פאָמידאָרן מיט מעליץ און ווידער ארבוז. די יידענע האָט אלץ געראַנזעט לעם בופעט און ראנזענדיק ניט אויפגעהערט זיך אָנצונעמען דעם מאנס קריוודע, געהאַלטן אין איין בענטשן די „מענטשן" און די יונגע שנור, אזוילאנג ביז מעכל, וועלכער האָט שוין א פנים געהאט געכאפט די זעט און ס׳איז אים נמאס געוואָרן אָט דאָס ווייבערישע דאוונען, האָט א זאָג געטון:

— גענוג שוין, דו, ס׳איז ערב ראש חודש אלול!..

די יידענע איז געבליבן שטיין אָפהענטיק, דערשראָקן און אים פארגעוואָרפן:

— האָסט מיר נישט געקענט זאָגן פריער? אומזיסט און אומנישט אזא עבירה!?

זי איז אריין אין א מרה-שחורה, געהאלטן אין איין צמאָצקען מיט די ליפן:

— או-ווא... או-ווא... כהאָב גאָר ניט געוואוסט, כ׳וועל אריינוואָרפן אויף מאיר בעל-נס.

זי האָט אזוי לאנג געצמאָצקעט, ביז מעכל האָט אינמיטן בענטשן איר אריינגעזאָגט זיין געוויינליכן פסוק:

— בהמה...

די יידענע וואָס האָט דאָס וואָרט שוין געהערט אן א צאָל מאָל אין משך פון די דרייסיק יאָר וואָס זי האָט חתונה און זיך אזוי צוגעוואוינט דערצו ווי צו „גוט-מאָרגן", האָט זיך דאס מאָל באליידיקט:

— בהמה... אָט דאָס הערטן נאָר פון דיר...

און איז זיך ארויסגעגאַן א ברוגזע.

מעכל האָט געענדיקט דאָס בענטשן שוין אין כעס, געזען ער האָט זיך באַנאַרישט, פּונקט איצט, ווען ער דאַרף צונ׳איר האָבן! ער האָט זיך געדרייט, פויל זיך געקראַצט אַן ביי-שטידל פון קאבינעט-טיר, געזוכט עפּעס א געלעגנהייט צו קומען מיטן ווייב אין דיבורים און נישט געפונען. ער איז אריין אין קאבינעט און סע זענען קיין צוויי מינוט ניט אריבער, ווי מעכל האָט זיך באוויזן צוריק אין טיר פון קאבינעט און מיט זיין געוויינליכער גבורה א יעכץ געטון:

— פייגע-לאה!

אזש די פענצטער האָבן געציטערט.

די יידענע, א בלייכע און א פארעקשנטע איז געשטאַנען אין טיר פון עס-צימער.

— פייגע-לאה! וואו איז פיני? וואו איז לייבל?..

— וואָס איז? וואָס דאַרפסטו זיי? ס׳האָט דיך עמיצער באַגאַנוועט?

מעכל קוקט אויף איר שטרענג, און שוין מיט א טאָן נידריקער, נאָר געגוג אויף צו אַנוואַרפן א מורא:

— ווער האָט זיך געפּאָרעט ביי דער קאסע?

— איך...

— דו?

— איך...

— וויפיל האָסטו ארויסגענומען?

— גאָרנישט...

מעכל קוקט מיט שפּאַט פון אונטער די ברילן. ער ווייסט, אז זי קען נישט עפענען די סעקרעטנע קאסע, מאכט ער צונ׳איר קלאַמפערשט מיט באַדויערונג:

— דו, בהמה, דו, אז ביסט שוין יאָ געווען ביי דער

קאסע, און יאָ געהאט דעם שליסל, פארוואָס זשע האָסטו נישט גענומען?

זי שווייגט אונטערטעניק, דערנידערט. און מעכל מאכט צונאיר:

— קום, לאָמיך דיך כאָטש אויסלערנען עפענען די קאסע...

מעכל ווייסט גוט, אז ער האָט נישט וואָס מורא צו האבן. וויפיל מאָל ער זאָל איר ניט ווייזן, וועט זי אלץ ניט גע-דענקען. שליסט ער אויף און פארשליסט, לערנט זי בוצים, ביז סוף-כל-סוף נעמט ער ארויס פינף רויטע צענערלאך און גיט איר:

— נאַ, באהאלט...

די יידענע באהאלט דאָס געלט אין בוזעם, וויל זיך אָפּ-טראָגן מיט אים, נאָר מעכל פאַרהאַלט זי:

— דו, נבלה, ווייסט כאָטש וואָס מען קריגט פאר דעם געלט אין אָדעס?...

די יידענע שפייט אויס טאקי דאָ ביי דער קאסע:

— טפוי, טפוי... פאָר קיין אדעס.

און איז אויס.

אבער באלד טאקי טוט מעכל ווידער א יעכץ:

— פייגע-לאה!

זי באווייזט זיך אין טיר פון קאבינעט, א נייגיריקע און א איבערגעשראָקענע:

— וואָס איז?

מעכל איז אָבער מיטאמאָל געוואָרן גלייכגילטיק, ווי גאָר-נישט געווען. ער טוט זיך א קראַץ אין פאטילניצע, באראָט זיך מיט דער שיין פונם פענצטער און זאָגט ענדליך:

— גיב מיר דעם שטעקן...

— וואוהין גייסטו?.. ביסט דאָך מיד... א גאנצן טאָג גע-ווען אין פעלד...

מעכל קוקט נישט צונאיר, פארענפערט זיך:
— כ׳גיי אין קלויז אריין... דאוונען מנחה-מעריב.
די יידענע האָט אבער דאָסמאָל באקומען לשון, זי איז אי דערשראָקן, אי פארפלאמט, און מאכט צונ׳אים:
— דאַוועגסט דאָך שטענדיק מנחה-מעריב אין דרהיים...
מעכל ענפערט פרום תמעוואטע, א ביסל אונטער דער נאָז:
— כ׳האָב היינט יאָרצייט... נאָך א באַבען...

עס איז פאַרנאַכט אין שטעטל. מעכל שפּאַנט, שיקט פאָראויס פאַרן טרעלבוך דעם שטעקן, וואָס גאנץ שטאָט ציטערט פאר אים. ער שפּאנט א אויסגעלויטערטער, א פרו-מער. דעם שליסל פון דער קאסע האָט ער איצט ביי זיך. די קאסע איז פארשלאָסן און דאָס ווייב אויכעט. דאָרטן אויפן אָרט פון די פינף צענערלאך ליגט זי שוין. אלצדינג איז מזומן.
מיטן רויך פון די שטעטלשע ווערטשערעס פליט אוועק א שיקסל. זי פליט צוריק צו די סטויגעס, וואו שלמה וועט אויף איר ווארטן.

# געשיכטען מיט שלמה דעם לאנגען

1. דער טויגער

2. האמאן

3. ביי מענדל שרייבער

# דער טויגער

א געשיכטע, ווי אזוי לייבוש פוילישער האָט געקעמפט מיט בעסאראבער יידן, און ווי אזוי ער איז דורך א צאַפּ געקומען צון א קו ווי א ברונען.

ווער איז בכוח צו דערקלערן די סיבות פון ליבע און פון פיינטשאפט? קיינער...

סע קומט, א שטייגער, אראָפּ א יונגערמאַן אין א שטאָט אריין, לאָמיר זאָגן: חתונה געהאַט אהינצו, און נאָך איידער ער קומט, מען האָט אים נאָך רעכט ניט געזען, גייט שוין זיין שם פאר אים, א שטאָט מיט מענטשן ליבן אים, מען וואונטשט זיך צו האָבן אזוינע זין, אזוינע איידעמס. מ'האָט אים אין זינען, מען לויפט אים צושארן פרנסה, מען בעט אים פאר א שותף צו געשעפטן, מען וויל זיך משדך זיין מיט זיין משפחה.

און להיפך, פאסירט: א יונגערמאַן קומט אראָפּ אין א שטעטל. מען ווייסט אים נישט און מען קען אים נישט. און נאָך איידער וואָס-ווען, מ'האָט אים שוין פיינט, סע גיין שוין ארום מימרות וועגן אים, מען טראַכט אויס אויף אים זאַכן וואָס נישט געשטויגן, נישט געפלויגן. מען גיט אים מיאוסע צונעמען. מ'האָט פיינט אים. שפעטער זיינע קינדער, זיין ציג, זיין פערד... פאַרוואָס? פרעג דאָס מזל.

לייבושן האָט מען פיינט געהאַט.

שוין דעם צווייטן טאָג נאָך דער חופה, איידער נאָך ער האָט פארדייעט די פיש און די ווייַנען, וואָס ער האָט אויפ-

געגעסן און אויסגעטרונקען אויף דער וועטשערע, האָט שוין שלמה דער לאנגער אָנגעהויבן ארומגיין איבער די שטיבער אין גאַס, איינטענהן מיט די שכנים און שטייענדיק שוין ביי דער טיר אויף אוועקצוגיין, האַלטענדיק די קליאמקע אין דער האנט, זיך ערשט אויסגעדרייט, גלייך ער האָט פארגעסן דעם עיקר, אָט דאָס צוליב וואָס ער איז אייגענטליך געקומען, און פארפלאָכטן א פרישן שמועס:

— וואָס זאָגט איר אויף שמעון-הערשס מציאה?

און ניט ווארטענדיק אויף קיין ענטפער, ווייטער:

— כע-כע... שוין איין מאָל א מציאה!..

קיין פירושים דערצו האָט מען נישט געדארפט. אלע האבן געוואוסט, אז דאָס לעצעוועט שלמה אָפּ פון לייבושן, דעם נייעם איידעם, וואָס שמעון הערש ברינזע האָט זיך אַראָפּגעבראכט פון ערגעץ א טשודנעם פּאָדאָליער שטעטל, פאר זיין גע־פעלטער טאָכטער, פאר שפרה'ן.

שכנים און שכנות האָבן ווייבעריש געשמאָכעט, גלייך זיי האָבן שוין באמת געוואוסט מי יודע וואָס פאר א חסרונות וועגן לייבושן, און שלמה האָט ערשט גענומען רעכט שפעטן:

— טאקי באדארפט פאָרן אזש קיין פוילן ברענגען אזא מציאה... גלייך ביי אונז אין באסאראביע איז נישטאָ קיין אייגענע פארעכעס!

עמיצער האָט נאָך געפרווט אויסגלייכן דעם שידוך, פארענפערן דעם אלטן שענקער, שמעון-הערשן:

— דער קרבן קער צו דעם מזבח...

נאָר שלמה האָט זיך נישט געלאָזט. אז עמיצער האָט נאָך געפרווט אים אויף צו פיקעניש זאָגן א גוט וואָרט אויף לייבושן, האָט שלמה אָפּגעהאקט די פליגל:

— ווייסיך וואָס... א פאַסקודניאק.

זעליק דעם רענדארס, דער רודף-שלום פון דער גאס, האָט דאָך געפרוווט זיך איינשטעלן:

— נישקשה... א יונגערמאן, ווי אלע יונגעלייט... א וואוילער יונגערמאן!

האָט אויף אים שלמה אויפגעהויבן די ברעמען פון זיינע שפעטערישע אויגן:

— דו... דו ביסט דאָך דער מליץ-יושר פון דער גאָרער וועלט... דו און, להבדיל, דער באַרדיטשעווער רב... סע פעלט נאָר א האָר...

און זיך אָפּגערעכנט אזוי מיט זעליקן, וואָס איז דאָך איינער פון זיינע בעסטע גוטע ברידער, זאָגט שלמה אזוי, אז אנדערש קען אפילו קיין רייד נישט זיין:

— אז איך זאָג, א פּאסקודניאק, ווייס איך וואָס איך זאָג!

אין אמתן זענען אלע געווען איין דעה מיט שלמהן. אפילו שמואל לייב שוסטער, אליין א פּאַדאָליער א געבירטיקער, האָט אויך מסכים געווען מיט שלמהן און, שפייענדיק דורך די ציין, געזיגן:

— פּע... א פּאַסקודניאַק.

אפילו מענדל שרייבער, וואָס לערנט די קינדער פון גאס שרייבן א יידיש בריוול און א אדרעס און פארטייטשט שלמה דעם לאנגענס וואלעכישע צונעמען אויף לאטייניש, מענדל וואָס זאטשעפּעט נישט קיין פליג אויף דער וואנט, האָט אויך צוגעשטימט אויף זיין אופן:

— אנטיפּאטיש...

און אז שלמה האָט אים געפרעגט:

— וואָס זשע הייסט עס אויף אונזער לשון, ה׳רב מענדל, א פיינער מענטש, צי א פּאַסקודניאַק?..

האָט מענדל געמוזט פארטייטשן:

— א פּאַסקודניאַק.

וואָס האָבן זיי אַזוינס דערזען אויף אים?

אמת, לייבוש איז געווען לאַנג און דאַר, מיט אַ קנאָפּ ביים גאָרגל ווי אַן׳אויסגעקרייטעטער האָן. אָבער גישט צוליב דעם האָט מען דאָך פיינט אַ מענטשן.

אָדער דאָס דאָזיקע, וואָס שלמה דער לאַנגער האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער האָט, הייסט עס, עפּיס אויפן קאָפּ. האָט מען דאָך ערשט געדאַרפט זען, צי ס׳איז אמת. און חוץ דעם, ווען אַפילו ס׳איז אַזוי, איז וואָס? קאַרג מענטשן אַזוינע פאַראַן און מ׳האַלט פון זיי אַ וועלט?

לייבושן האָט מען פיינט געהאַט.

אַפילו זיין אייגענע משפּחה, אירע ברידער האָבן אים נישט געקענט ליידן. די יונגערע האָבן אים אַ נאָמען געגיבן „פוילישע דריפּקע״. און חיים, דער עלטסטער שוואָגער, פאַר וועלכן אַלע האָבן געהאַט אָפּשיי, מחמת זיי האָבן געוואוסט, אַז חיים׳ס שווייגן קען אַמאָל זיין ניט צו גוטן, אַ שטייגער צו ברעכן די ביינער, חיים האָט אים איינמאָל געגיבן די פּושקע מיטן טוטון, ווען לייבוש האָט זיך איינגעשטעלט צו מאַנען אַ ציגאַר, נאָר די פּושקע האָט ער אים דערלאַנגט אַזוי, אַוועקקוקנדיק, אַז לייבוש האָט שוין מער קיין ציגאַר ביי אים ניט געמאָנט.

און דאָך, ער האָט געהאַט מעלות, לייבוש. וואָרין אַט האָט ער נושא-חן געווען ביי שווער און שוויגער, די אַלטע שענקערס.

שוין דעם ערשטן טאָג פון די קעסט, האָט דער אַלטער קמצן שמעון-הערש דערזען, אַז ער האָט מיט אים געטראָפן און באַלד געזאָגט אויף אים נביאות:

— דער וועט זיין אַ מענטש.

דער שכל איז געווען אַ פּשוטער:

אַ מענטש פאַלט אַריין אין אַ שטוב פון אַלדאָס גוטס,

פון פלייש און פון פיש, פאסטראמע, פופקעס, לעבערלעך, און היינט בראָנפן און וויין, און דאָס זעצט זיך אוועק ביים טיש און טונקט קרישקעס אין זאלץ און עסט...

האָט שמעון־הערש אוועקגערופן די אלטע קמצנטע זיינע, די בייטל־שניידערין, און איר איינגערוימט:

אָט דער וועט וואקסן...

❀

צום שענק האָט לייבוש נישט געטויגט. נישט אפילו צום אָנצאפן א פלאש וויין פונם אָנטעל. ווער שמועסט צום פּראווען, צום טרעפן צו צוגיסן א ביסל וואסער, ווי סע מאכט זיך. פון וואנעט זאָל ער עס קענען? ער האָט אמאָל געזען וויין? צי בראָנפן?

האָט זיך געמאכט אמאָל, אז די ציגיינערשע קלעזמער האָבן זיך אָנגעשיכורט און גענומען ברעכן די גלעזער און די פענצטער, און שמעון־הערש מיזינעק האָט געעפנט ברייט די טיר און צו פאָרוייז, ביי די טשופּרינעס, זיי ארויסגע־וואָרפן פונם שענק, האָט זיך לייבוש באהאלטן אין דער הינטערשטער ספּאלני, און פון הינטער דער טיר א פיר, מיט א קלאפּענדיק הארץ, ארויסגעקוקט ווען ער וועט שוין מעגן ארויסגיין.

איז ער קיין שענקער נישט געוואָרן. דערפאר אבער איז ער געווען א בעריע צו דער וואָג. אפילו חיים האָט געמוזט מודה זיין, אז ווען מען זאָל אויספאָרן גאנץ בעסאראביען, וועט מען נישט טרעפן אזא בעריע צו דער וואָג, ווי לייבוש.

איז ער געוואָרן א סוחר...

איצט האָט שוין אפילו זעליק דעם רענדארס, דער גרוי־סער רודף שלום פון דער גאס, געמוזט מודה זיין, אז שלמה האָט געהאט רעכט:

— פע... א פּאַסקודניאַק...

שלמה האָט זיך דערלעבט א נקמה אין זעליקן:

— וואָס דען, דו... דו האָסט ליב צו זוכן זכותים אומע־דום... אז איך זאָג א פּאסקודניאק!

האָט זיך זעליק פאַרענפערט:

— אז א מענטש קריכט אין די גרגרת אריין!

עס העלפט נישט, נישט איבערן טאטנס טאטן און נישט „איבערן פאַרעך". לייבוש ווערט פון גאָרנישט נתפעל, ער הערט זיי ווי דעם קאָטער, די באסאראבער מאמעליגעס. לייבוש איז אויף אלעמען א מבין און אלצדינג קויפט ער. איז תבואה, איז אייער, הינער, א פּאָשקע, א רינדס־פעל, חזיר־האָר, אלצדינג איז א סחורה און וואו צוויי — איז ער א דריטער, וואו עמיצער דינגט עפּעס, וואַקסט ער אויס, וואַרפט ארויף אויף דער פּרייז. ער קוקט נישט וואָס ס׳איז א שכן, אן׳היימישער, צי גאָר אן׳עלטערער סוחר, יענער האָט זיך שוין אויסגעגעסן דאָס הארץ מיטן ערל, זיצט שוין ביים גוי אויפן וואָגן, לייבוש כאַפּט אראָפּ די סחורה, די תבואה, צו די שקאָפּינע, ער לויפט שוין מיט איר אויפן אקסל, דער גוי לויפט שוין אים נאָך און דער, וואָס האָט פריער געדונגען, שטייט מיט אן אָפן מויל, ווי אויסגעפּייטשט.

טון קען מען לייבושן גאָרנישט. מהאָט מורא צו טשעפּן מיט אי״ר משפחה.

האָט מען אים פּיינט. טראכט מען אויס אויף אים צונעמען. זינגען די קינדער א גאנץ יאָר, נישט נאָר ווען די צייט קומט:

„ווי ס׳איז געקומען שבת הגדול.
ציליעט מען אויס די פּאַרעכעס אויף דער נאָדל
ציפּ־צאפּיקל, ציפּ־ציפּ־צאָפּ..."

איז זיך אָבער לייבוש אויך נוקם, צאָלט אָפּ דער גאס אזוי, אז עס קומט אים נאָך ארויס, אז די גאנצע גאס פּי־קעט. און צו דערצו איז ער א מוצלח, מע זעט מיט די אויגן...

אין אלעמען פארדינט ער... עס פאַלן אים גאָר צי זייטיקע פרנסות.

אָט, א שטייגער, איז ער געוואָרן בעל-שחרית אין קלייז-נעם שילעכל און נעמט צו זיבן קערבלעך א יאָר... הכלל, מילא! טוט ער אָבער נאָך אָפּ צולהכעיסן. שבת אינדערפרי ווען די שכנים שטייען אין רעדלעך אין מיטן גאס, אין די כאלאטלעך, אין די תחתונים, און מען האלט אין מיטן א שמועס, צעלאָזט זיך לייבוש איבער דער סדרה, אז זיין קול גייט עד לב השמים, און עולם קען קיין וואָרט אין מויל נישט נעמען... און אז עס קומט נאָך אלול-צייט, רייסט ער זיך אויפן גישטער איבער די ימים-נוראים׳דיקע תפלות, ווארפט אָן אנ׳אימה... און אלץ דער גאס אויף צופיקעניש.

*

אויף איין מאָל איז לייבוש זיך מישב און ווערט נעלם.

ס׳האָט קיינער נישט געוואוסט פון קיין פתרון און פון קיין חלום, מען שטייט אויף אין דער פרי, מען גייט ארויס אויפן מארק, מ׳זעט נישט לייבושן.

אוועקגעגאן א טאָג, צוויי, דריי, לייבוש איז נישטא. שלמה דער לאנגער האָט געפרואווט א פאָרשט טון חיים׳ן תמעוואטע:

— זאָג נאָר, חיים, עפיס זעט מען נישט דיין לייבושן?

נאָר חיים האָט ווי שטענדיק געענפערט קורץ און שארף:

— דו בענקסט נאָך אים?..

אין גאס האָט מען גענומען שמועסן, אז „דער פאַרעך" האָט איבערגעלאָזט שפרהן, מחמת זי איז א געפעלטע, סע טרוקענט איר א האנט, מען האָט אים נאָכגעשיקט אזעלכע ברכות, ווי א שטייגער, אז דער נאמען מעג אים שוין צו-ריקקומען. איז אבער קיין פולע וואָך נישט אריבער, האָט מען זיך אין א אינדערפרי ווידער דערוואוסט, אז לייבוש

איז דאָ, און דא איז ער נישט אליין. ער האָט זיך געבראַכט א פערד פון דאָרט, פון זיין פּאָדאָליער שטעטל.

איז מען אויף כלומרשט גוטע-ברידער, און מ׳איז געגאַנגען אנקוקן דאָס פערד. האָט מען געהאט וואָס אָנצוקוקן! א סוס! הויט און ביין. און בלינד אויף אן אויג.

דער אלטער נטע, דער געוועזענער ליפּעראַנט, האָט אים דערלאַנגט א פּאַטש אין אונטן, האָט זיך דאָס פערד אזש איינגעבויגן. שלמה דער לאַנגער האָט זיך אָנגערופן צו חיימן:

— הערסטו, חיים, איך בין נישט קיין גרויסער מבין אויף פערד, אָבער מיר דאַכט זיך, אז ס׳איז א וואַזשנע פערד... ביי אונז איז נישטאָ אזוינע פערד.

ער האָט געמאַכט קאַלעמעדרע, דער לץ. די גאַס האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן.

לאָזט זיך אויס, אז דער פערדאַטש איז א גייער — איינער אין דער וועלט. מען טאָר פאַר אים קיין בייטש ניט ווייזן!

האָבן זיי עס א ביסל געהאַט א ווייטיק, די שכנים...

וואָלט ער כאָטש געגיבן דעם פערד עסן, ווי סע דאַרף צו זיין... הויבט זיך אפילו נישט אָן:

ער קומט צופאָרן פאַרנאַכט פונם דאָרף, שפּאַנט ער אים אויס און לאָזט אים זיך דורכקאַטשען, און ער עפנט דעם טויער פון דער אָבאָרע, גיי, הייסט עס, וואוהין דיין אויג, דאָס זעעוודיקע אויג, וועט דיך טראָגן. דער פערדאַטש גייט אוועק, פּאַשעט וואו ער געפונט, פאַרגייט אזש ביז צו דער אלטער פּאָטשט...

פאַרטאָג, די גאַנצע גאַס שלאָפט נאָך, נאָר דער אלטער נטע טראָגט זיך דאָס טעפל סמעטענע פונם סטינאַר, קומט ארויס לייבוש אין די תחתונים, מיט דער פעטער שמאַלץ-

יאַרמאַלקע, שטעקט ארויס דעם גאָרגל צום הימל און שרייט מיט זיין בעל-שחרית קוליכעל:

— טשיאַק-טשיאַק-טשיאַק!

קומט ער צולויפן, דער פערדאטש.

שפעטער פירט ער אים פאָיען. און פירן פירט ער אים דוקא פאָרנט ארום, מיט דער גאס, פאמעליך, נאָקעט צון אים, ווי צוג׳עפעס רעכטס:

— נאָ... נאָ...

ווי איינער רעדט:

— לאָמיר זיי ווייזן, זאָלן זיי צוזעצט ווערן.

⁂

לייבוש האָט געוואקסן. דאָס האָט מען געזען באשיינפערליך. שכנים האָבן מקנא געווען, שלמה האָט זיך נוקם געווען מיט א מימרא, זיך געקילט דאָס הארץ מיט א ווערטל:

— פאַרשיווי-סטשאסטליווי... א בפירושע גמרא... טאַ!

און דאָ האָט זיך געטראָפן ווידער, אז לייבוש האָט זיי אָפגעארבעט א שטיקל, אזוינס וואָס די בעסאראבער מאמעליגעס איז אפילו אין קאָפּ אריין נישט געקומען.

עפּיס איין מאָל, צווישן ימים-טובים איז לייבושן אָנגעקומען א ידיעה אז דער טאטע זיינער האָט זיך אים געפעלט. לייבוש איז אָפגעזעסן די שבעה און נאָך דער שבעה איז ער א היימגעפאָרן נאָך ירושה.

שלמה איז אומגעגאן צווישן די שכנים און געהאלטן אין איין שפּעטן:

— וועט ער עס אָנברענגען א ביסל ירושה, דער פארך!

— וועט ער עס אָנברענגען א ביסל פוילישע וואנצן,

— מ׳דארף הייסן שמעון-הערשן ארויסנעמען די אָנטלען פונם קעלער. זאָל ער צוגרייטן אנ׳אָרט... א קלייניקייט, וואָס ער קען אָנברענגען פון דאָרטן?...

שפעט נאָך יום-טובים איז לייבוש צוריקגעקומען און גע-בראכט מיט זיך דעם צאַפּ!..

איצט האָט די גאַנצע גאַס געזען, אַז הצלחה אליין איז וויניק, מען דאַרף נאָך עפּיס האָבן. אַ סימן, פאַרוואָס איז קיינעם נישט געקומען אין קאָפּ אַריין אַ צאַפּ?...

שלמה דער לאַנגער האָט אויך איצט געשפּעט:

— אַז אַ מענטש האָט אַן אָפּענעם קאָפּ...

אָבער דאָס איז געווען חלשות-טראָפּן. אין אמתן האָט ער שוין אויך געזען, אַז לייבוש איז אַ טויגער.

די גאַס איז געווען לכתחילה בפירוש צופרידן. געווען גוטע-צייטן. פרידנס-צייטן. יעדער באַלעבאָס האָט געהאַט זיין ציג. און גרעסערע באַלעבאַטים צו צוויי, און אפילו צו דריי. אין דער גאַנצער שטאָט איז געווען איין צאַפּ, ביי אַ גוי אויף דער מאַהאַלאַ, אַ צאַפּ ניט קיין אַי-אַי-אַיי. און דאָ האָט לייבוש אַראָפּגעבראַכט זיינעם, אַ וואָזשנעם צאַפּ! דער על-טער נטע האָט אים באַטראַכט, האָט ער אויף אים מבינות געזאָגט, אַז ס'איז אַ בהמה!

און ס'איז נאָענט. ביי דער האַנט...

דאָס ערשטע מאָל זייט לייבוש איז געוואָרן אַ היגער, האָט די גאַס אויף אים געפונען אַ זכות, חוץ פאַרשטייט זיך שלמה דעם לאַנגן, וואָס האָט געמוזט זאָגן אַ ווערטל, ניט חלילה פאַר שלעכטיקייט, נאָר פשוט אַזוי, ער האָט אַנדערש ניט געקענט.

וואָלט דאָך געווען גוט. איז אָבער לייבוש — לייבוש. גיט ער דעם צאַפּ ניט קיין עסן. נעמט ער זיך אַליין. כאַפּט ער אַראָפּ אַ בינטל בייגל פון אַ לאַד, קערט איבער די לאַד מיטן גאַנצן קרעמל, מיט די ציבעלעס, מיט די צוקער-לע-קעכלאַך... טרעט אַריין אין אַ קאָשעק אייער... אַ שאָדן-ווינקל!

רעדט מען צו לייבושן:

סטייטש אזוי און אזוי, דער צאַפּ מאכט אומגליקליך מענטשן. וואָס גיסטו אים נישט קיין עסן? און ס'איז דאָך צער-בעלי-חיים...

זאָגט לייבוש, אז א צאַפּ איז ניט קיין ציג, מ'מעלקט אים נישט אלע טאָג. און חוץ דעם האָט די גאנצע גאס פון אים א נוץ. אלע מעגן אים האָדעווען.

און דאָ האָט ער אָנגעהויבן, דער צאפּ הייסט עס, צו שלאָגן. גייט א היים א קינד פונם חדר, צי אפילו א גרויסער מענטש קומט א קעגן אין גאס, טוט ער א זעץ מיט די הערנער, פאלט מען חלשות! וואָרין געווען איז ער א צאפּ א גבר, גרויס ווי א קליין פערדל, מיט שטארקע גרויסע הערנער און א שטארקן קאָפּ. און א גאנג האָט ער נאָר ווי א פריסטאוו. ער האָט געוואָרפן א פחד אויף דער גאס. דערצו איז ער נאָך א בכור... וואָס טוט מען מיט אים?

די גאס האָט שוין דא געקריצט מיט די ציין, אפילו זעליק דעם רענדארס, דער רודף-שלום, איז שוין ארויס „פון טיערפעניע". אז סע האלט ביי פיקוח-נפש!..

האָט מען זיך פארלעגט אויף אים, אויפן צאַפּ, זעליק מיט נאָך שכנים. עס איז גווועזן זעליקס אויבטו: מען זאָל אים פארטרייבן אויס דער שטאָט ארויס און ארייננטרייבן אין א גרוב אריין וואו מען גראָבט ליים, ווי א שטייגער די ברידער האָבן געטון מיט יוסף'ן, אזוי ווי סע שטייט אין צאינה וראינה. האָבן זיי זיך פארלעגט מיט דרענגלעך און מיט שטעקענס. זעליק האָט חוצן דרענגל זיך נאָך באוואָפּענט מיטן העמערל, מיט וועלכן זיין ווייב די קרעמערין האַקט דאָס היטל-צוקער.

עס איז געווען אלצדינג גוט פארטראכט, לויט אלע כללים פון תכסיסי-מלחמה. אָנגעפאלן איז מען פאַרנאכט אין דער טונקל, און פון עטלעכע זייטן מיט אמאָל. נאָר אויסגעלאָזט האָט זיך א בוידעם. דער צאַפּ האָט דערלאנגט זעליקן א

זעץ אין א דיך, אז מ'האָט אים געמוזט א היים טראָגן. דאָס העמערל האָט א שכן געפונען דעם אנדערן טאָג און עס אָפּגעבראכט זעליקס ווייב.

*

עס איז אריין אין גדולותן. עס וואָלט חלילה געווען דער-גאנגען צו הריגות, ווען נישט שפרה, לייבושעס ווייב.

שפרה האָט א צייט נישט געטראָגן. און דערנאָך מיט א-מאָל אָנגעהויבן צו קינדלען, נאָר געקינדעלט פונם רוח'ס וועגן. יאָר-איין יאָר-אויס טראָגט זי עס אויס, האָט עס, און אויפן דריטן, צי אויפן פערטן טאָג קומט דאָס קינד אוועק.

האָט מען אין גאס אָנגעהויבן מומלען, אז ס'איז איבערן צאַפּ. איבער בייגל און צוקער-לעקעכלאך פון אָרימע קרע-מער, איבער צעטרעטענע אייער און יסורים פון מאמעס פון ציטעריקע קינדער...

גיט מען עס אנצוזהערן לייבושן, רוקט ער אָפּ נאָך מערער דאָס היטל, מאַכט זיך נישט הערנדיק.

און דאָ טראָגט זי מיטן פערטן. איז אויף דער צייט.

האָבן זיך אריינגעמישט אירע ברידער. היים האָט זיך אריינגעמישט.

— איך הייס פארקויפן דעם צאַפּ...

אזוי האָט ער באפוילן.

און פאר חיימן האָט לייבוש מורא. פאר קיינעם נישט, און פאר אים יאָ.

איצט האָט ערשט לייבוש רעכט דערפילט, אז ער איז א גר, א עלענטער. און נישט נאָר ער. דאָס פערד, דער צאַפּ... פוילישע... פרעמדע...

ער האָט זיך קיין עצה נישט געקענט גיבן. ער ווייסט, אז חיים איז נישט קיין יינגאלי. מיט חיימן טאָר מען זיך נישט שפּילן. ווי אזוי אבער ווארפט מען אוועק פרנסה? א קליי-

ניקייט, פרנסה... ווי אזוי לאָזט מען זיך אָפּ פון א זאך, וואָס מען לעגט נישט אריין און מען נעמט ארויס? הייגט, אמבי־ציע... נקמה אין די שונאים? וואָרין אז סע קומט די רעכטע צייט, שטעלט זיך לייבוש אוועק אין טירל פון דער אָבאָרע, פון יענער זייט און דינגט זיך. ער איז שוין היינט א יחיד. דעם גויס בהמה איז קאליע געוואָרן. הויבט ער די פרייזן. פון א צענער אויף א גריוונע, פון א גריוונע אויף א גילדן, אויף א פערציקער. באלעבאטים ברענגען די ציגן אויף די שטריקלעך, די חיות רייסן זיך נעביך, קערן איבער א שוואכן מענטשן, און לייבוש גאָרנישט, ער דינגט זיך...

און שלמה דעם לאנגן האָט ער איינמאָל אָפּגעטון א שפיצל, און זיין ציג, די בעסטע ציג אין דער גאס, איז געבליבן יאַלאָווע!

ווי אזוי לאָזט מען זיך אָפּ פון אזא זאך?

אָבער חיים'ס פעטש? היינט די הוצאה אויף מקבר צו זיין דאָס נפלע? אכט גילדן א יאָר... און א ביסל איז טאקי א רחמנות אויף איר, אויף שפרהן.

לייבוש האָט לאנג געחשבונט, ביז ער איז געפאלן אויף אנהמצאה:

— אַ קו.

אַ קו זאָל מען מיר קויפן פארן צאַפּ. און נישט גלאט אזוי א קו, נאָר אזוינע, וואָס ער וועט זיך אויסקלויבן.

— ער האָט אויסגעפירט, דער פאַרעך!

דאָס האָט שלמה דער לאנגער געצימבעלט אויף אלע גאסן.

— ער האָט אויסגעפירט דער פאַרעך. שמעון הערש האָט אים געקויפט א קו, די וואָס לייבוש האָט זיך אויסגעקליבן. א קו ווי א ברונען...

זאָגט שלמה דער לאנגער:

— נאָר דאָס איז נאָך גאָרנישט... כעל דיר א מאָל דער־ציילן, ווי אזוי לייבוש האָט זיי אלעמען באקלערט... דער צאַפּ איז ערשט אויך געבליבן זיינער.

נאָר דאָס איז א מעשה פאר זיך. איצט האָב איך דיר דערציילט ווי אזוי פון א צאַפּ קען ווערן א קו. מען דאַרף זיך אָבער אויסטויגן. א יאָ?

# האמאן

א געשיכטע מיט א נאמען פון א דאָרף און שלמה דעם לאנגענס „פּאָליטישעסקאיע דיעלא".

דאָס דאָרף... ווי אזוי אבער זאָל איך עס רופן? אז פון קדמונים אָן גייט א פלוגתא איבער זיין נאָמען. און נישט וועגן גאנצן נאָמען, נאָר וועגן א האלבן. און ס׳איז טאקע טשיקאווע. ווארין, ווי איר וועט זיך באלד „אובעזשדאיען״ — ווי שלמה דער לאנגער זאָגט — די אותיות פונם וואָרט בלייבן די אייגענע, רק מיט דעם חילוק, וועלכע פריער און וועלכע שפעטער.

דאָס דאָרף... נו, לאָמיר עס אָנרופן אזוי, ווי דער ראש־קאווער צדיק, דער גוטער־ייד פון פי־הענדלער, פאָסעסאָרס און ישובניקעס, האָט עס גערופן:

— מ י ד ו ו ע ז ש ע.

יאָ... מידוועזשע ליגט ווי ס׳רוב בעסאראבער דערפער, א ביסל אויף א בארג און מערער אין טאָל. אויפן בארג זענען די שטיבלאך צעוואָרפן רחבותדיק, מען זעט פון דאָרטן ארויס די פעלדער ארום, דעם שליאך וואָס פירט אין שטאָט אריין, די זון קומט אהינצו פריער, פארהאלט זיך שפעטער. בשעת אין טאָל איז עס א ביסל אנדערש.

אויפן בארג איז אויך דעם פריצ׳ס הויף, די „אדאיע״ און דעם פאָסעסאָרס שטוב. דאָרטן וואוינט דאָדי פאָסעסאָר. נאָר נישט דאָס איז מיר דער עיקר.

דער עיקר:

די גוים אויפן בארג זאָגן ארויס שטאָלץ:

— „מ י ד וו ע ז ש ע"...

דאָס הייסט, אז זייער דאָרף הייסט מידוועזשע. און זייער איינער איז א מידוועצקי, וואָס איז טייטש אויף יידיש: א מידוועזשער גוי.

און דער טאָל ווי אזוי זאָגט?

דער טאָל זאָגט:

— „וו י ד מ ע ז ש ע".

דאָס הייסט, אז זייער דאָרף הייסט ווידמעזשע און זייער איינער איז א ווידמעצקי, וואָס איז טייטש אויף יידיש: א ווידמעזשער גוי.

איז עס, דאַכט זיך אייך, א קלייניקייט. א יאָ? דאַכט זיך אייך טאקי נאָר אויס אזוי.

ווארין פּרואווט, למשל, א זאָג טון צון א בארג-גוי:

— סלוכאי, מאי ווידמעצקי —

איז אדער ער וועט אייך גאָרנישט וועלן ענפערן. אָדער ער וועט ענפערן מיט א ביזוי, צי גאָר זיך הייסן קושן, און פאר א גויט נאָך צוגיבן:

— זשיד פּארכאטי.

און דעסגלייכן, פארקערט, מיט א טאָל-גוי.

און וואַסילי לאַבע איז געווען א טאָל-גוי.

דאָס דאָרף מידוועזשע — ווידמעזשע — ליגט נישט ווייט פון דער שטאָט. איין העלפט פון זייער וואָכנדיקן לעבן פאר־ברענגען מידוועזשער — ווידמעזשער — גוים אין שטאָט, און איין העלפט אין שטוב און אין פעלד.

די גאס, די מוכר-תבואהדיקע, שענקארישע און בעל־מלאכהשע גאס, איז מיט מידוועזשער — ווידמעזשער — גוים אויסגעקאָכעט.

ווייסט אליאדע איינער אין גאס, ווען מען דארף רופן

מידוועצקי און וועמען ווידמעצקי. קינדער אין די וויגן האָבן, דאכט זיך, שוין געוואוסט. סיידן א פרעמדער, א ניי צוגע־קומענער, ווי א שטייגער לייבוש פוילישער, יענער פונם צאַפּ. נו, דער פרעמדער... ער האָט שוין זיין גאנץ לעבן געפּלאָנטעט. זיינע אייגענע קינדער פלעגן שפּעטער פון אים לאַכן. עט!..

איז וואַסילי לאַבע, זאָגן מיר, א טאָל-גוי. און איז אויס־געקאָכט אין יעדער שטוב פון דער גאַס. ער איז מער אין שטאָט ווי אין דרהיים. ווער פאָרט מיט דאָרפס-יידן אין שטאָט אריין נאָך „פּאָקופּקעס“? וואסילי לאבע. מיט וועמען שיקט מען איבער א בריוול, געלט אמאָל? מיט וואסילי לאבע. וועמען געטרויעט מען צו פירן די ווייבער אין שטאָט אריין, אז מי באדארף (גוטע-אמאָליקע צייטן! מ׳האָט באַ־דארפט!) אלץ וואַסילי לאַבע. א באַגלייבטער גוי.

האלט זיך אָבער וואַסילי לאבע שטאָל און אייזן:

— ו י ד מ ע ז ש ע.

און דאָס וואָרט מידוועזשע, ווער שמועסט מידוועצקי! — איז ערגער ווי אין טאטן אריין געשאָלטן...

און שלמה דער לאנגער, ווייסן מיר שוין, איז א לץ, א חוזק-מאכער. האָט זיך אים פארגלוסט א שפּעט צו טון, צו אפשר האָט זיך עס בא אים ניט-ווילנדיק ארויסגעכאפּט, האָט ער אָפּגעלייזט מיט א פּאָליטישעסקאיע דיעלא.

איצט, לאָמיר לאָזן דערציילן דעם בעל-דבר אליין, ס׳הייסט שלמה דעם לאנגן.

— איך ווייס?.. מאכט שלמה און דאָס גרויסע קלוגע פּנים שמייכעלט... איך ווייס? ביי מיר איז מידוועזשע און ווידמעזשע אלצאיינס. איין יחוס... איך זאָל וויסן, אז דער וואַסילי רופט זיך אויף צו דער תורה מידוועצקי?!.

שלמה דער לאנגער לאכט אין זיך. ער ווייסט ס׳א ליגן די מעשה. ווארין ווער האָט נאָך אזוי גוט געקענט, ווי ער, אלע גוים פון אלע דערפער ארום? אז וואוינען וואוינט ער אָנהויב גאס, ביים וועג וואו מען קומט אָן פון דער סביבה. און ביי זיינע עלטערן אין שענק האָבן געטרונקען מידוועזשער גוים, זייערע אבות-אבותיהם... ווער זשע האָט נאָך אזוי גוט ווי ער געקענט וויסן, וועמען מען דאַרף רופן ווידמעצקי און וועמען מידוועצקי? וואָס זשע דען? דער אָפשפעטער אין אים האָט אים אנגערעדט. און צו דערצו איז באוואוסט געוואָרן יענעם טאָג, וואָס דער ראשקעווער האָט געזאָגט.

דער ראַשקעווער צדיק, דער גוטער-ייד פון פּאָסעסאָרס און פּי-סוחרים, איז געקומען צופאָרן צו דאָדי פּאָסעסאָר. זענען זיך צונויפגעפאָרן יידן פון די ארומיקע דערפער, און היימישע יידן. זייער רבי... זיצט דער צדיק ביים טיש מיט דאדין און מיט די אנדערע יידן און מע שמועסט. שמועסט דער צדיק פון וועלט-זאכן. פון קאָרן און פון ווייץ, פון רעגן אין דער צייט און פון גראָז. פון פרייזן אויף בהמות... און א ביסל, פון יידישע בויטן. רעדט דער צדיק, און האָפענונג גייט אויף אויף פעלדער מיט יסורים.

און דאָ טוט דער ראשקעווער פלוצים א פרעג:

— ווי אזוי הייסט דאָס דאָרף?

האָט מען זיך אָנגעהויבן צו אמפערן.

איין יש אומרים זאָגט:

— מידוועזשע.

און ציט דעם שורש פונם וואָרט „מידוויעד״, וואָס איז טייטש אויף גוייש: א בער... א סברה, אז צוריק מיט יאָרן זענען אויף דעם אָרט געווען מוראדיקע בערן. (אויגן פאַר-קירעווען אויף הונדערטער יאָרן צוריק).

און א צווייטער יש אומרים זאָגט:

— ווידמעזשע.

און ציט דעם שורש פון „מעזשע״.

דער ראשקעווער הערט.

און פּלוצים ווערט א גערודער.

וואָס איז?

— א גלאָק...

און איידער וואָס-ווען, ער איז דאָ.

ווער? ניט קיין בער. ערגערס: דער פּריסטאוו.

יידן אנטלויפן אויף דער הינטער-טיר... דאדי איז בלייך, ווי די וואנט. דער רבי איז אליין.

דאָ לאָמיר עס מאכן בקיצור. מ י ר זענען ז יי איבער-געקומען. ווי אזוי מיר זענען זיי איבערגעקומען?.. הכלל, יידישע צרות האָבן נישט קיין גרונט. נאָר זאָגן וויל איך אגב, אז ווען ס׳איז אין מיר געווענדט, וואָלט איך אוועק-געגיבן א היבש ביסל דאָזיקע, היינטיקע, דאָקטוירים, אפּטיי-קערס, אדוואקאטן, פאר איין אמאָליקן פּשוטן יידן, כאָטש ער האָט זיך באהאלטן פארן פּריסטאוו. נאָר לאָמיר אונז אומקערן צו אונזער געשיכטע.

דאָדי האָט אָפּגעשוויצט מיט א כף-הא׳ער, צוגעלעגט א קלייניקייט שוה-כסף, אינדיקעס, פּוטער. ווייסיך... דער פּריס-טאוו איז געוואָרן ווייך, גאָר אנאנדער מענטש. דעם ראש-קעווער געהאלטן אין איין זאָגן „ראבין״, זיך מיט אים גע-זעגענט ביי דער האנט... נאָר דאדין אָנגעזאָגט:

— סמאָטרי.

דער פּריסטאַוו איז אוועקגעפאָרן. יידן זענען זיך ווידער צונויפגעקומען. מען זיצט ביים טיש. מען שמועסט.

פון וואָס מען שמועסט? פון צרות. אז ווען חלילה ער כאפּט, איז ניט גוט. א פּראָטאקאָל, א סוד, און מסתם צו א חודש וועזשע.

הערט דער ראשקעווער און קרעכצט:

— אַי, אַי... יידן זיצן אין דערפער מיט וועזשע...

איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, אז דער אמתער נאמען פון דאָרף איז:

— מידוועזשע.

איצט וועלן מיר ווידער גיבן דאָס וואָרט שלמה דעם לאַנגען.

— איך ווייס?.. מאכט שלמה: איך, אז איך הער אזא זאַך, אז דער ראשקעווער אליין האָט אזוי געזאָגט, בין איך ביי מיר פעסט. מידוועזשע! וואָ׳דען?..

— דער ראשקעווער האָט עס געזאָגט בייטאָג אין דאָרף און פארנאכט, צו מנחה-מעריב, האָט מען עס געוואוסט אין שטאָט.

— דעם אנדערן טאָג, פאַרטאָג, געוועזן כאור, איך שטיי אויף פריי, כהאָב ליב פארטאָג צו כאפּן לופט, איך טו א קוק — וואַסילי לאַבע איז דאָ. טראכט איך מיר: גוט, וואָס דו ביסט דא. מאך איך מיך, ווי איך דערקען אים נישט, געוועזן נאָך טונקל, און פרעג:

— „כטאָ טאַם, טשעלאָוויטשי"?... ווער איז דאָרטן... מאכט ער, וואסילי:

— „זיען דאָברי, שליאמע"... א גוט מאָרגן, הייסט עס. ענפער איך אים:

— דאָבריע זדאָראָוויע, מידוועצקי...

און איך ווארט, וואָס דאָ וועט זיין.

מיין וואַסילי שווייגט, דרייט זיך צו מיר אויס מיט דער פּלייצע. טראכט איך מיר, ס׳איז רעכט... מאך איך מיך תמע-וואטע, גיי צו נענטער, נעם מיר ארויס א עטרוי פון וואָגן און:

— וואסילי, זאָג איך, שאָ טשוטע אווו מידוועזשע? וואָס, הייסט עס, הערט זיך אין מידוועזשע...

הייסט ער זיך נישט קושן, איך בעט איבער אייער כבוד? אזא חזיר!

פארדריסט עס מיך מסתם... וואַסילי לאַבע זאָל מיר אזוינס זאָגן!.. און איך טו א מאך צו נ'אים:

— האַמאַן!

נו-נו, פרעג שוין נישט. דער גוי איז געוואָרן מלא רציחה. ער שפרינגט אראָפּ פונם וואָגן און מאכט צו מיר:

— מידוועצקי, טאַי שטשע האמאן!

ס'הייסט: אי מידוועצקי, אי האַמאן! —

און ער דערלאנגט מיר צוויי פעטש, האָב איך געזען קראַקוי מיט לעמבערג...

— צום אָנהויב, זאָגט שלמה, האָט מיך פאַרדראָסן, שטאַרק פאַרדראָסן. דערנאָך האָב מיך מישב געווען: כ'האָב אים אין דר'ערד...

ערשט אין א פּאָר וואָכן ארום. קומט צוגיין דער גוי פונם זעמסקי, דער זעמסקי רופט מיך. כ'קום צום זעמסקי, ער רופט מיך אריין, מיר האָבן זיך געקענט, ווי איך מיט דיר, מאכט ער צו מיר:

— שליאמע, ווייסט צוליב וואָס כ'האָב דיך געשיקט רופן?

זאָג איך, פון וואנען זאָל איך וויסן?

מאכט ער:

— שליאָמע, מאכט ער, האָסט אויף דיר א מיאוס פּעקל... א פּאָליטישעסקי דיעלא.

פרעג איך:

— פארוואָס? מה פשעי?

מאכט ער:

— פאר האַמאַן... האָסט געזאָגט וואסילי לאבע „האמאן".

זעט ער, אז איך בלייב שטיין מיט אן אָפן מויל. פאר-טייטשט ער מיר:

— שליאמע, זאָגט ער, דו ווייסט, ווער האמאן איז געווען?

מאך איך מיך תמעוואטע:

— פון וואנעט פריץ, זאָל איך וויסן? איך בין א פּראָס-טער מענטש, נישט קיין אָבראַזאָוועטער.

זאָגט ער:

— טאקי דערפאר האָב איך דיך געשיקט רופן. איך ווייס, אז ווען דו ווייסט, ווער האמאן איז געוועזן, וואָלסטו עס ניט געווען געזאָגט... האמאן, שליאָמע, איז געווען א מיניסטר. מיניסטר ווגוטרעניך דיעל!... ווייסטו שוין?

זאָג איך:

— איצט, פריץ, ווייס איך...

זאָגט ער:

— הער, שליאמע, ווען סאיז אנאנדערער, נישט דו, וואָס איך קען דיך אזויפיל יאָרן, וואָלט איך אנדערש גערעדט, אָבער ווייל ס'איז דו, האָב איך דיך געשיקט רופן. גיי, זאָג איך דיר, בעט דיך איבער מיט וואסיליען, פארגלייך דיך מיט אים.

זאָג איך:

— פריץ-לעבן, און וואָס איז מכוח מיינע פעטש?

— וואָס'ערע פעטש?

— ער האָט דאָך מיר געגיבן צוויי פעטש!

זאָגט ער:

— דאָס איז אנאנדערע זאך. פאר די פעטש דארפסטו איינגיבן!

הכלל, איך שיק שליחים צו דעם וואסילין, מיר זאָלן זיך פארגלייכן. איך שענק אים זיינע פעטש. ער זאָל מיר מוחל זיין מיין האמאן... ער וויל אפילו ניט הערן. אזא דבר-אחר!

— וואָס זשע איז געוואָרן דער סוף, הר׳ שלמה?
שלמה מאכט זיך ווידער כלא ידע:
— מיט וואָס?
— מיטן פּראָצעס?
— מיטן סוד... וואָס האָט געזאָלט ווערן?... אויסגעפּירט האָט דער ראַשקעווער... מ י ט וועזשע. איך בין געזעסן אַ חודש וועזשע.
אז דער ראשקעווער אליין האָט אזוי געזאָגט!
שלמה לאַכט זיין ברייטן גוטן געלעכטער.

# ביי מענדל שרייבער

באַרבר לאָזאַריאַנר
מיט ליבשאַפט,

...אז שלמה דער לאנגער האָט געהערט, ווי מענדל שריי־
בער ציט אן ליטיינישע שרשים אויף די וואלעכישע צונעמען
וואָס ער, שלמה, האָט געגעבן, האָט עס אים שטארק הנאה
געטון און ער האָט זיך אמאָל אָנגערופן צו מענדלען:

— הערט איר הר' מענדל, איך האָב גאָרניט געוואוסט
וואָס׳ארא גרויסער געלערנטער איך בין. אנ׳עבירה נאָר וואָס
מיין רבקה הערט ניט. ווען זי הערט, וואָלט איר געוועז בײ
איר געהויכט און געקרוינט. פון מיר שמועסט מען ניט! מ ר
וואָלט זי געקאָכט דריי מאָל אין דער וואָך באלאבושקעס
מיט באָרשט...

איז איינמאָל אין א פרייטאג צו נאכטס האָט זיך שלמה
הער לאנגער צוגעאיילט מיטן עסן. געהייסן דער חברה יונגען
זיינע זיי זאָלן בענטשן, אליין געלאָזט דאָס בענטשן אויף
שפעטער, און א זאָג געטון צו זיין ווייב:

— רבקה, נעם אויף דיר דאָס פוטער, אי׳מיר ערגעץ
געהן.

— וואוהין? פרייטאג צו נאכטס.

— קום מיט מיר. האסט מורא כ׳וועל דיך פארפירן?
האָסט שוין ניט וואָס מורא צו האבן!

— יאָ, פארפירן... דערפאר האָב איך טאקע שטארק
מורא. גלאט, פרייטאג צונאכטס, ס׳איז דאָך שטאק חושך.

די יידענע האָט נאָר אזוי לפנים אָפּגעווענדט. וואָס פאר א יידענע וויל ניט ערגעץ גיין און נאָך אין שליאמענעם פוטער? זי האָט טאקע תוך כדי דבור זיך אָנגעטון; שלמה האָט ארויפגעצויגן דעם טכוירענעם טולעפּ וואָס ער האָט נאָך פון דער חתונה, גענומען דעם שטעקן און זיך געלאָזט גיין. ארויס פון דער שטוב מאכט שלמה צום ווייב:

—ווארט אויס א מינוט, כוועל מיך ניט זאמען.

ער איז אריינגעגאנגען צום ברודער אין שענק און האָט זיך היבשליך געזאָמט און די יידענע איז געווען ברוגז, „בוצים" שוין געוואָלט זיך אומקערן, נאָר שלמה איז ניט פון יענע, וואָס ווערן בטל פון א יידענעס רוגז:

— ווייסט, זאָגט ער, וואוהין מיר גייען? אנו טרעף!

— צו זעליקן? זאָגט די יידענע.

— צו זעליקן אפשר אויכעט, נאָר פאָראויס ערגיץ אנ־דערש, און דו וועסט נישט טרעפן.

און ער האָט מיט איר צוגעשפּאנט, טאפנדיק זיכער מיטן שטעקן, ביז צו מענדל שרייבער און א זאָג געטון:

— קום, ווען מיר אריינגיין!

— וואוהין?

— וואָס הייסט וואוהין? צו מענדלען!

די יידענע איז געבליבן שטיין ווי פארגליווערט — זי גייט ניט. זי איז דאָרט קיינמאָל נישט געווען, זי האָט מיט מענדלען אפילו רעכט ניט גערעדט. און פרייטאג צו נאָכטס נאָך...

לאכט שלמה אין דער פינצטער און שלעפּט זי כמעט מיט גוואלד און עפנט די טיר.

— א גוט שבת ר' מענדל!

א ריז ווי ער איז געווען, דערצו נאָך אין טולופּ, און מיט זיין ברייטער פעסטער אידענע לעבן אים, האָט שלמה פארנומען א היבשן חלק פונם קליינעם קאָרידאָר צווישן

לאנגן „דיקטאָווקע-טיש" און דער וואנט. מענדל איז געזעסן ביים עק פונם טיש פארטיפט אין „אבן-נגף", ווען ס'איז אויף אים אראָפּגעפאלן דער גוט-שבת. ער האָט אויסגעזען יונגער ווי אין דער וואָכן און האָט געהאט מער א פּנים ווי א פארשפעטיקטער עלנדער תלמיד. דערזען בא זיך שלמהן איז ער מבולבל געוואָרן, האט ער אָנגעשטעלט אויף די געסט זיינע פייכטע שווארצע אויגן, אפּירגענומען זיין אייגן בענקל און דערלאנגט, ניט געוואוסט וואָס אָנצוהויבן.

נאָר שלמה האָט זיך אנידערגעזעצט אויף דער לאנגער באנק אקעגן, אליין פארבעטן זיצן זיין יידענע, ארויסגע-שלעפּט פון די קעשענעס צוויי פלעשער ביר מיט די געזיל-בערטע פאפּירלעך אויף די קאָרעקעס, ניט פארגעסן אפילו מיטצוברענגען א פראָבקע-ציער. די יידענע האָט עפּעס אָנ-געהויבן זיך פארענפערן, ארויפוואַרפן די שולד אויפן מאַן, נאָר שלמה האָט זיך שוין צושפּרייט מיט זיינע ידים איבערן טיש, זיין גרויס קלוג פּנים ארבעט שוין:

— לאָז אָפּ, יידענע! לאָז מיך א ביסל רעדן מיט ר' מענדלען. הערט איר... אָט דאָס איז מיט די ווייבער... איך האב דיך מיטגענומען ווייל איך וויל דיר ווייזן ווּעמען מיר פארמאָגן בא אונז אין גאס... האלסט מיר שטענדיג אין איין שטעכן די אויגן מיט דער גאס... נישטא קיין שכנים ווי דו וואָלסט געוואָלט, נישטא וואוהין ארייּנצוגיין.. האב איך דיר געוואָלט ווייזן, אז מיר האָבן אין גאס אזוינס וואָס ס'איז אין קיין אנדערער גאס נישטא... צום סוף ווילסטו ווייזן ר' מענדלען וועמען איך האָב פאר א ווייב...

שלמה ציט ארויס א קאָרעק פון א פלאש. ער איז זיכער, אז ער ווייסט ווי אזוי א זאך אָנצוהויבן און טאקע איז מענדל היימישער און אויפגעלעגטער. אויפן טיש זענען דאָ צוויי גלעזער, מענדלס ווייב זיצט שוין לעבן שלמה'ס. די ווייבער רעדן שוין צווישן זיך...

— טרינקט, ר׳ מענדל.

שלמה האָט אָנגעגאָסן זיך און מענדלען. זיך צורעדט וועגן שטאָט-זאכן און וועגן וועלט זאכן מיט ערנסט און מיט א ליצנות און בשעת א פויזע צוגעשארט צו זיך דעם אבן-נגף און א קוק געטון אויפן שער-בלעטל פון דער זייט ווי אלע קורצזיכטיקע. ער האָט עס גלייך צוריקגעשארט און געזאָגט:

— איך האָב געמיינט, ר׳ מענדל, אז איר לייענט נאָר ליטיינישע ביכער, צום סוף זע איך, אז איר קוקט אריין אין א פשוטן זשארגאָנישן ספר. כאָטש א ך ווייס נישט וואָס ס׳שטייט דאָרטן, דאָך מיין איך אז ס׳איז ניט פון יענע ביכער, א יאָ ר׳ מענדל?

מענדל האָט שוין אויסגעטרינקען א גלאָז ביר, און ער איז דערצו ניט געוואוינט, האבן די קנייטשן אויף זיין יונג-פארעלטערטן שטערן געטומען שמייכלען און ער האָט זיך צורעדט וועגן „אבן-נגף". ער האט אים אויסדערציילט אין איין אטעם און ניט פארגעסן צו דערמאנען דעם נאָמען כונם מחבר און ביים נאָמען דינעזאָן האבן זיינע אויגן געגלאנצט מיט פארגעטערונג.

— ווי אזוי זאָגט איר ר׳ מענדל? דינעזאָן?

— דינעזאָן.

— א טשודנער נאמען! ניט פון אונזערע, מן הסתם א ליטוואק. דו האָסט עפעס געהערט אזא נאמען? — ווענדעט ער זיך צום ווייב. דו האסט דאָך אמאָל געליינט פון די ביכלעך.

די יידענע האָט עפעס יאָ געהערט נאָר אנדערש זי האָט געליינט שמ״ר׳ן.

— ער קער אודאי האבן א צונאמן — מאכט שלמה: אַ יאָ ר׳ מענדל? זאָגט מענדל, אז ער האָט ניט קיין צו-נאמן און שמ״ר איז אנ׳אנדער שרייבער, נאָר ער קומט ניט,

צו דינעזאָנען, און ער עפנט דעם „אבן־נגף" און נעמט לייענען.

ווען ער זאָל געווען זיין אליין דער מחבר פונם אבן נגף, אָדער איינער וואָס דערציילט אויס מיט א סאך יאָר שפּע־טער זיין אייגענע יוגנט־געשיכטע, וואָלט ער עס בעסער ניט געקענט ווי מענדל האָט געליינט. שלמה און זיין ווייב זענען געזעסן מיט אָפענע מיילער און געגאפט. צום סוף האָט זיך שלמה ניט געקענט איינהאלטן, געעפנט די אנדערע פלאש ביר, אָנגעגאָסן און געבעטן:

— טרינקט, ר' מענדל, איך בעט אייך, טרינקט...

נאָך א פויזע שווייגעניש מאכט שלמה:

— הערט איר ר' מענדל, מיר דאכט זיך, אז דער דאָ־זיגער דינעזאָן האָט געדארפט וואקסן ניט דאָ געדאכט א יתום אן א טאטן. עפעס אזוי ווייזט מיר אויס. דער נאמען אליין דינעזאָן איז א ווייבערישער נאמען. איך האָב געהערט נאָך ליטווישע נעמען, א שטייגער אונזער ליטוואק שניאור־סאָן, איז ער פונם רב'ס הויזגעזינט, אבער דינעזאָן... דאָס דארף שטאמען פונם נאמען דינה, מסתם האָט זיין מאמע געהייסן דינה און ער איז געווען א יתום.

מענדל זאָגט נישט ביין. און אז מענדל וועגדט נישט אָפּ לאָזט זיך שלמה אריין ווייטער אין א חקירה:

— אזוי באשרייבן א זאך ווי דער דינעזאָן באשרייבט קען נאָר א מענטש, וועלכער איז אליין כל ימיו געווען אויף גרויסע צרות. טאקע פון קליינערהייט אָן.

עס איז געווען טרויעריק אין שטיבל. מענדל איז געזעסן פארכמארעט, אָנגעשפּארט מיטן קוק ערגיץ אין אנדערע עולמות, אפילו שלמה, אונזער פריילעכער שלמה האָט זיך ניט געקענט ארויספּלאָנטערן פון דעם טרויער, וואָס דאָס ביכל האָט ארייַנגעבראכט. ער ווייסט ניט וואו ארום צו

קומען צו דעם ענין צוליב וועלכן ער איז אייגנטליך געקו־מען... ער זאָגט:

— א וואַזשנע בוך... נאָר איך מיין, אז ניט יעדער איינער קען אזוי ליינען אזוי ווי איר, אַ, הר׳ מענדל? נאָר איך מיין, אז ווען דער דינעזאָן זאָל אייך הערן ליינען, וואָלט אים אויך הנאה געטון... א יאָ, איר שמייכלט? איך מאך אייך ניט קיין קאָמפּלימענט, איך זאָג ווי ס׳איז...

שלמה טוט א זיפּ פונם ביר און זאָגט ווײַטער:

— איך זאָל מיך בארימען פאר אייך, ר׳ מענדל, אז איך בין א קענער — האָב איך פיינט צו זאָגן א ליגן, ווער שמועסט א ליגן, וואָס מע קען אים דערקענען, נאָר דער אויבערשטער האָט מיר געגעבן שכל צום פארשטיין און צו וויסן די ווערט פון א מענטשן, זאָג איך אייך ר׳ מענדל, אז ס׳טוט מיר ווײ דאָס הארץ, וואָס אזא מענטשעלע ווי איר, זאָלט פארפאלן ווערן אין אָט דער בלאטע...

שלמה האָט זיך אונטערגעשפּארט דעם שטערן מיט זיין ברייטער דלאניע, א ביסל געטראכט און א זאָג געטון:

— מזל!..

בא דעם וואָרט איז עפּעס גרינגער געוואָרן אי מענדלען אי שלמה׳ן.

די יידענע האָט אויך מסכים געווען:

— בעסער א לויט מזל איידער א פוד שכל.

שלמה איז שוין פריילעך. ער ענדיגט דאָס גלאָז ביר און מאכט צו מענדלען:

— הערט איר, ר׳ מענדל, איך וואָלט געוואָלט אויף א ציקאווע, איר זאָלט מיר זאָגן וואו האט איר אָנגעצויגן די שרשים ווי אזוי איר רופט זיי דאָרטן, איך קען זיי ניט נאָכזאָגן, אויף מיינע צונעמען, וואָס איך האָב זיי געגעבן! איך ווייס פּראָסט אויף וואָלעכיש: „פּוטיאס״, „אורעקעס״, און אז איר פארטייטשט עס אויף לאטיין איז עס גאָר אנ־

דערש, איך וואָלט געוועז א בעלן צו וויסן, וואו האָט איר עס גענומען.

האָט מענדל אראָפגענומען איין גראָבן בוך פון דער ביכער־שאפע און נאָך איין גראָבן בוך און אוועקגעלעגט אויפן טיש און געזאָגט, אז דאָס זענען סלאָווארן, און גענומען מישן און אויפגעמישט:

— אָט שטייט דאָ: „פוטידוס".

— און דאָ שטייט: „פוטאריאס."

און געמישט צוריק און געוויזן:

„אאוריקולא"...

שלמה האָט געקוקט אויף מענדלען און אויף די ביכער, געשאָקלט מיטן קאָפּ באדויערנדיק, געקוקט צו זיין יידענע און ווידער געשאָקלט מיטן קאָפּ, באטאפּט די ביכער און:

— אנ׳עבירה, ר׳ מענדל! אנ׳עבירה, אנ׳עבירה! צו וואָס ליגט איר אין דעם פאסקודסטווע?

ער האָט אויסגעגאָסן דעם רעשט ביר פון די פלעשער אין די גלעזער אריין, אויסגעטרינקען און א זאָג געטון צו מענדלען:

— א י ך האָב פארשטאנען, וואָס איר זענט ווערט, נאָר כ׳האָב געוואָלט זיך צוקוקן נעענטער, און טאקע ווייזן מיין יידענע, אז לא אלמן ישראל, גיט נאָר זי זיצט אין דער גאס, ס׳איז דא גרעסערס...

ער האָט באהאלטן די פלעשער אין די קעשענעס און גע־בעטן מענדלען ער זאָל ניט ברוגז זיין, און זיך ערשט גע־לאָזט גיין צו זעליקן.

בא זעליקן איז מען שוין געשלאָפן.

# די הײליקע נאסטאסיע

געבוירן געוואָרן איז נאסטאסיע ווי אלע הייליקע בתו־לות — א קליין נאקעט שיקסעלע. אָבער, כדי אויסצומיידן א מיספארשטענדעניש, זענען מיר שוין פון א צינד מודיע, אז אונזער הייליקע איז ניִשט יענע פונם קלויסטערישן קא־לענדאר, נאָר א שפעטערדיקע, א אונזעריקע.

אירע עלטערן, ווי עס פאסט סיי פארן סוביעקט, סיי פאר א שרייבער פון אונזער צייט, זענען געווען א אָרים פויערים־פּאָרפאָלק. זיי האָבן פארמאָגט א קליינע כאַטקע ביים טייך דניעסטער, יענעם טייך וואָס האָט אזויפיל עולות צוגעזען און גענוג מענטשלעך בלוט איינגעשלונגען און דערמיט גע־וואָרן באוואוסט אויף דער וועלט. זאָל עס אים פארגוטיקט ווערן כאָטש מיט דער געשיכטע.

ערד האָבן נאסטאסיעס עלטערן פארמאָגט ארום דער כאטקע פונקט אזוי פיל, אז ס׳האָט געסטייעט אויף די שטע־כעלקעס ביים פלויט און א ביסל קארטאָפל געמישט מיט דערנער. דער פאָטער האָט אָבער נאָך פארמאָגט א מלאכה אין די הענט — ער איז געווען א שוסטער, וואָס דאָס איז, ווי באוואוסט, זער א בכבודיקע מלאכה. געווען איז ער אייגנטלעך א לאַטוטניק און דערצו א גרויסער פארטאטש. דערפון איז געדרונגען, אז ער איז געווען אויך א שכור, טאקע א גרויסער שכור. דאָס ווייב, וויערא, פלעג ער דאָך

שלאָגן אויך ווען ער איז געווען ניכטער. קינדער האָבן זיי געהאַט לויטער מיידלאַך, קיין יונגלאך האָט ווייבא נישט געבוירן.

גענקומען איז ביי זיי נאַסטאַסיע די דריטע צו די פערטע. די עלטסטע איז געווען א קאַליקע. די צווייטע א טויב־שטומע. די דריטע אויב זי איז געווען, ווייסן מיר נישט. נאַסטאַסיע ווידער איז געראָטן אין דער מוטער: א דינס, א שלאַנקס ווי א ווײַנשל־צווייגל, יענע צווייגלעך וואָס פויגלעך שניידן פאַר שטעקעלעך צו בייטשלעך. אויגן האָט זי פאַרמאָגט לאַכנדיקע, שפּעטנדיקע און א נעזל א פּאַריסנס, א צולהכעיס־נעזל.

ביז פינף יאָר איז נאַסטאַסיע געבליבן אינדערהיים, גע־וואַקסן אויף גאַסט באַראָט, ווינטער אויפן אויוון, זומער אין טייך... און צו פינף יאָר האָט זי אָנגעהויבן נאָכלויפן דער מוטער בארג־ארויף אין שטאָט אריין אלע פרייטיק אָדער ערב־יום־טוב, ווען זי פלעג גיין אויפּרוימען ביי איר אמאָליקער באַלעבאָסטע, ביי וועלכער זי האָט געדינט ביז צו דער חתונה מיטן שוסטער.

און דאָ הויבט זיך אָן די אייגנטלעכע געשיכטע פון אונזער נאַסטאַסיען...

די דאָזיקע געשיכטע, כאָטש זי איז אויסן נישט מער ווי צו דערמאָנען צו גוטן א ארים שיקסעלע און ווייזן ווי אזוי זי האָט זוכה געווען מיט איין און איינציקן זאָג צו דער־הויבן ווערן, האָט דאָך אין זיך אלע עלעמענטן פון געשיכטע בכלל: זי האָט סיבות אָביעקטיווע און סוביעקטיווע און הויפּטזעכלעך יענע פאַרהוילענע צופעליקייט, אין וועלכע דער דערציילער גלויבט יאָ. דער דערציילער גלויבט אין גורל. ער גלויבט אויך אז ס'איז פאַראַן א פּאַראַלעליזם פון גורל'ס. וואָס פאַר א שייכות קען האָבן למשל דער יאַפּאַניש־רוסישער קריג מיטן געבוירן פון א שיקסעלע נאַסטאַסיע

אויפן ברעג פון טייך דניעסטר? אָדער צווישן דער וועלט־מלחמה און א צארט יידיש מיידל און צווישןביידע און דער נאסטאסיע? איז אָבער יאָ פאראן. נאָר די דאָזיקע שייכות איז פון דינסטן געוועב. מיר וועלן דאָ פּאָרלויפיק זיך באגניגן מיט פאקטן און די פאַקטן, אָט די אויסערליכע אנטפּלעקונגען פונם גורל, שנירן זיך אזוי:

די אלטע באלעבאָסטע וויעראס, ביי וועמען וויעראַ האָט געדינט ביז איר חתונה מיטן שוסטער, איז געבליבן אַ יונגע אַלמנה. א שיינע, א קלוגע, א בריאה האָט זי קיין מזל נישט געהאט און שלעכט געלעבט מיטן מאן. און אז ער האָט געגעבן א שטארב אָפּ, האָט זי זיך איינגעשפאנט אין יאָך פון פרנסה און פון גידול־בנים. געבליבן איז זי מיט פיר קינדער נישט געראָטענע, חוץ איין מיידל. און דאָס מיידל איז, להיפוך צום פאָטער דעם כעסן און דער פארביטערטער מוטער, אַ צאַרטע און א גוטע און בענקט נאָך א מענטשן וואָס זאָל זי ליב האָבן, וואָס זאָל איר אָפּגעבן דאָס, וואָס דער גורל האָט ביי איר אוועקגערויבט... און איר לעבט זיך ביי דער מוטער דער סוחרטע זייער שלעכט, ערגער ווי אלע קינדער. עפּעס א טיפע פאַרבאָרגענע שנאה האָט געטליעט צווישן מוטער און טאָכטער, געטליעט און אויפגעפלאקערט און דאָס מיידל האָט געליטן און געווארט... און אז זי האָט זיך דערווארט, האָט ערגיץ־וואו א האנט געווארפן א באָמבע אין א קרוינפרינץ און געטראָפן אין סאמע גליק פון א צאַרט יידיש מיידל. עטלעכע חדשים פאר דעם האָט אונזער יתומה חתונה געהאט פאר דעם וואָס זי האָט ליב געהאט, וועלכער האָט זי נישט פארשטאנען און צוליב וועמען זי האָט געליטן ווידער אין דער שטיל, אָבער מיט פרייד און מיט האָפנונג...

(דאָס איז דאָס שיטערע פון דער געשיכטע, דאָס געדיכטע לאָזן מיר אויף אַן אנדער מאָל).

אונזער צארטע יידישע טאָכטער האָט געבוירן א מיידל, און אליין געגומען וועלקן פון טאָג צו טאָג, האָט איר די מוטער געבראכט א העלפערן — נאַסטאַסיען, אַ צעניעריקע נאַסטאַסיע.

יאָרן לויפן גיך. יאָרן גיין פאמעליך, ווי פאר וועמען און ווי וואָס פאר אַ יאָרן. אונזער יונגע מאמע האָט געדאַרט ווי א בוימעלע אָן זון און אָן רעגן און נאסטאסיע, געשפייזט פון איר יונגער באַלעבאָסטעס בענקשאפט, נעמט אויף זיך לייב, גלייכט זיך אויס, ווערט א שטארק שיקסל און דאָס נעזל איז אלץ מער פארשארט, מער צולהכעיסדיק. עס איז איר אויך צוגעקומען א צעפעלע, אויך אזא הצופדיקס, א פאר שארטס, א ווילדס. און די יונגע באלעבאָסטע וואָס צוואָגט זי און פארקעמט זי, לאכט און מיט א טרער: — נאַסטיע, ווידאי טי אוזש וועליקא דיווקא...

און אז דער טאָג איז געקומען און דער לאנג געגארטעטער מאן איז צוריקגעקומען, האָט ער געטראָפן א פרוי וואָס גייט אויס ווי א ליכט. צו וואָס יום־טוב? צו וואָס רעוואָלוציע?...

ער האָט זי געבראכט צו קבורה... און דאָס קליינע מיידעלע אינאיינעם מיט נאסטאסיען גיין איבער צו דער אלטער באַלעבאָסטע און די אמאָליקע שנאה פון מוטער צו טאָכטער טראָגט זיך איבער אויפן אייניקל...

ס'האָט אָבער א באשיצער! אַך, נאַסטאַסיע. טייער שיקסל מיטן פאריסענעם נעזל. זי איז אין דער צייט אויסגעוואקסן, און דאָס לייב האָט שוין געבענקט נאָך א זכר, נאָר די נשמה האָט געהאָנגען אין קליינעם מיידעלע און דאָס קליינע מיידעלע אין איר.

די אלטע באלעבאָסטע איז נישט די יונגע. דאָס ברויט איז אויף א שלאָס, זי איז נישט צארט, נאָר, הארט. אָבער נאַסטאַסיע קעמפט פארן קינד, קעמפט מיט חכמה און מיט חוצפה — זאָל עס איר גאָט פאַררעכענען...

אָבער דאָ מישט זיך אַריין דער שטן. ער האָט צוגעקלערט דער בעל-דבר אַזעלכע פּאַפּירלעך, רויטע צענערלעך, בלאָע פינפערלעך, גרינע דרייערלעך און די פּאַפּירלעך שטעכן די אויגן, רעדן אָן צו שלעכטס, רייצן זיך:

— מיר... מיר זענען געלט. מיר קויפן, מיר פאַרקויפן... מיר...

וואָלט דאָס נאַסטאַסיען דאָך נישט אָנגעגאַן. אָבער דער אונטערראָק! דער אַלטער באַלעבאָסטעס אונטערראָק...

דער אונטערראָק ווערט געשוואָלן. אַלע אויפדערנאַכט ווען נאַסטאַסיע לייגט זיך שלאָפן, טרענט אויף די באַלעבאָסטע אַ אַנדערן פאַלד פונעם אונטערראָק און פאַרנייט אַהינצו רויטע צענערלעך, בלאָע פינפערלעך... נאַרישע יידענע! יידענע אָן בילדונג! קלוגע אינטעליגענטע מענער טראָגן אַזעלכע זאַכן אין אַ באַנק, קויפן אַ הויז, אַ פּלאַץ!... איז אפשר שולדיק געווען די צייט — 1917, 1918...

זעט מאַמע וויערא, אַז דער באַלעבאָסטעס אונטערראָק ווערט געשוואָלן. פרעגט זי נאַסטאַסיען. און נאַסטאַסיע דערציילט איר, זאָגט מאַמע וויערא:

— פאַרטאָג, ווען זי שלאָפט, טרען אויף דעם אונטערראָק, נעם אַרויס די פּאַפּירלעך און ברענג אַהיים.

און נאַסטאַסיע האָט אַזוי געטאָן.

איז דאָך אָבער עסטרייך ניט פּאָניע. געזעץ איז געזעץ. האָט מען אָפּגענומען אַלע פּאַפּירלעך, און אומגעקערט דעם אונטערראָק זיינס. און נאַסטאַסיע האָט זיך אומגעקערט צוריק אין דער כאַטקע אויפן ברעג פון דניעסטער.

און זי האָט אָנגעהויבן וועלקן.

צי האָט זי געבענקט נאָכן יידישן קוילעטש? אָדער נאָכן קליינעם מיידעלע? אָדער — אָפּגעשיידט זאָל זי זיין — נאָך דער יונגער באַלעבאָסטע וואָס האָט זי געוואַשן און געצוואָגן?

זי האָט געצאנקט פון שעה צו שעה.

שוין אַ וואָך אז נאַסטאַסיע ליגט מיטן פנים צו דער וואנט, ברענט אין העליש פייער און דרייט זיך נישט אוי׳ס.

מאַמע וויעראַ וויינט איבער איר:

— טאָכטער, דריי זיך אויס צו מיר...

האָט נאסטאסיע אויסגעדרייט דעם קאָפּ און געזאָגט די עטלעכע ווערטער, וואָס מען דארף זיי איינפאסן אין גאָלד, כאָטש זיי זענען אין גויאיש:

— מאַמאַ, פּאָציעלויטע מענע אווו סראַציו...

---

בירגער! לערנט אייך שטארבן ווי די הייליקע נאסטאסיע.

# פ ר יי נ ט ש אַ פ ט

...איז אָט, מאַדאַם, א קעגן דעם וואָס מיר שמועסן. אוודאי בין איך מיט אייך מסכים אין דעם וואָס איר זאָגט מכוח ווילן, כאראקטער און בכלל כמעט אין אַלעמען. נאָר אביסאלע רעזערוון האָב איך. איר פארשטייט, מאדאם, עס קען ניט זיין אָן דעם. ווייל איך האָב דאָך אויך מיין כאראקטער און מיין ווילן אָדער ווילנלאָזיקייט, און פון דעם עמאַנירט שוין אויך מיין גורל — אַנטשולדיקט וואָס איך פאל דאָ אריין אין אַ שטיקל ווידערשפרוך מיט מיר און אויך מיט אייך.

איך האָב געזאָגט „גורל" און איך ווייס דעם גאנצן אבסורד דערפון, באזונדערס נאָכדעם וואָס כ'האב מיט אייך מסכים געווען און אפילו געווען קאטעגאָריש בנוגע ווילן און אנדערע זאַכן. אָבער עס איז נאָך פאראן א געוויסע עקספעריענץ און דער גאנצער אָפּזאץ וואָס בלייבט אין אונדז, קעגן אונדז, קעגן אונדזער ווילן...

דאָס הייסט נישט, מאַדאַם, אז איך זוך אַ שפּאריגע זיך ארויסצודרייען פון דעם פריערדיקן. עס איז גאנץ מעגלעך, אז אויב איר וועט א גראָב טון ווי איר קענט, וועט איר אייך דערגרונטעווען צום שורש, און עס וועט בלייבן ווי איר זאָגט: עגאָאיזם. עס זענען אָבער פאַראַן סענטימענטן. יאָ, מאדאם, עס זענען פאראן סענטימענטן, פאר וועלכע איך, מיט מיין כאראקטער און ווילן אָדער ווילנלאָזיקייט, האָב

אָפּשיי... איר וועט, גלויב איך, דאָך נישט פאַרמשפּטן א שוואַכן מענטשן וואָס פאַרמאַכט זיינע אויגן אויף א פרעמד הונגעריק קינד, ווייל ער דאַרף דאָס ברויט — איך רעד אין פשטות און מיין: ברויט ממש — פאַר זיין הונגעריק קינד. און לאָמיר אונדז פאָרשטעלן א מענטשן וואָס גיט אוועק דאָס לעצטע דעם הונגעריקן גאַסן-קינד און קומט א היים און האָט נישט וואָס צו געבן זיין קינד, וועט ער דאָך שוין אויף געוויס אויסברעכן אין געוויין. און אָט דאָס געוויין, איבערלעך צו אויסערליך, איז דאָך עפּעס א באַווייז. אָדער לאָמיר נעמען פריינטשאַפט. אָט האָט דאָך פּאַסירט אַז איך בין אייער פריינט און נישט קיין אנדערער פון אַזוי פיל מעגלעכע. איר וועט זאָגן, אַז עס איז א צופאַל. וואָס זשע האָט איר דערמיט דערוויזן?

איז אָט, אַז מיר האַלטן ביי פריינטשאַפט, וויל זיך מיר אייך דערציילן עפּעס, כמעט א פאַקט.

איר קענט מיין פריינטשאַפט צו יאָסיף׳ן. גאַנץ מעגלעך, אַז עס איז ווי איר זאָגט, א פּשוטער צופאַל, אָט די פריינטשאַפט. עס איז דאָך אָבער אויך מעגלעך, אַז ווען נישט די פריינטשאַפט צו יאָסיף׳ן, וואָלט איך בכלל נישט געהאַט קיין פריינטשאַפט און אין דעם פאַל וואָלט זיכער א סך געבליבן אָפּגעפרעגט און באַזונדערס אין שייכות צו דעם וואָס איר רופט צופאַל. איך וויל אָבער אייך דערציילן די פּאַסירונג גופא, ווייל עפּעס איז מיר דורך איר געוואָרן קלאָר, אַנטשולדיקט, איך מיין — פאַרקערט, קשה.

עס האָט מיר פּאַסירט, מאַדאַם, אַ גאַנץ געוויינלעכע פּאַסירונג. איך בין אַמאָל געווען אין א גרויסער פאַרלעגנהייט... איך בין, ווי איר ווייסט און ווי איר האָט עס מיר שוין אַמאָל אפילו באַשטעטיקט, נישט קיין גרויסער פּחדן, יעדנפאַלס נישט מער ווי ס׳זענען עס דורכשניטלעך בכלל מענטשן. דאָך האָב איך געהאַט עטלעכע מינוט פון — כמעט

פון שרעק. עס זענען געווען זייער פיינלעכע עטלעכע מינוט!

שטעלט אייך פאָר, מאדאם, א פוסטע גאס אין א פערי־פעריע פון א פרעמדער שטאָט. פוןביידע זייטן גאס הויכע שטיינער־פארקנס פון מטושטשן קאָליר. מעגלעך אז דער קאָליר איז געקומען פון דער נאכט. עס איז געווען שפעט אין דער נאכט, אין אזא אשמורה, ווען ס'איז שווער אפילו צו פועלן ביי זיך ראָטן די שעה. איך בין געגאנגען צווישן די צוויי שטומע שטיינערווענט, נישט וויסנדיק ווען איך וועל פון דאָרטן ארויסקומען, נישט זעענדיק קיין סימן, קיין שאָטן פון קיין מענטשן. און דאָ דערזע איך פאר מיר א הינטישע חתונה... א מענגע הינט, פון פארשידענעם גרויס און פארב, האָט פארנעמען די גאס, פון איין זייט ביז צור אנדערער... זיי באוועגן זיך זייער לאנגזאם. זיי זענען כמעט אומבאַוועגליך. און אין מיין האנט האָב איך נישט קיין סימן פון קיין שטעקן, גאָרנישט מיט וואָס צו שיצן זיך. ווייסן ווייס איך, אז, געוויינטליך, הינט ווען זיי פראווען אַ חתונה, פאלן זיי זעלטן אָן אויף אַ דורכגייער. אָבער דאָ, אין דער פוסטקע, אין אזא שפעטער שעה... עס איז מיך באַפאלן א אנגסט, וואָס ס'איז מיר שווער זי איבער צוגעבן. איך גיי פאמעלעך, שפיר אויס מיטן אויג עפעס א זייטיקן דורכגאנג און געפון נישט. די הינט באוועגן זיך אלץ לאנגזאמער *און איך ווער אויף א אומווידערשטעליכן אופן, ווי פאַסצינירט, באַוועגט אין דער ריכטונג צו זיי.* און דאָ שפרינגט ארויס פון ערגיץ א קליין הינטל, א מן־הצד'ענדיקס, האַרט נעבן מיר, און הויבט אָן בילן אויף מיר. עס אָפטרייבן האב איך מורא, איך זאָל עס נישט נאָך מער צערייצן, און איך באגרייף, אז אויב דאָס הינטל וועט מיך שטאַרק באפאלן אין דער מחיצה פון יענער כאָפטע — בין

איך א פארלוירענער... שרייען, ווייס איך, איז איבעריק... בקיצור, כ'האָב דערפילט סכנה.

אין דעם מאָמענט האָט זיך פון דער אקעגנדיקער ריכטונג, פון דעם קנאפן נאכטישן שיין, אויסגעשיילט א קאָפּ פון א מענטשן, אָן א היטל, כ'האָב אים דערקענט און דערלייכטערט ארויסגעפליסטערט:

— יאָסיף...

---

איר זאָגט ווידער, מאדאם, אז ס'איז א ריינער צופאל. עס האָט געקענט אָנקומען אויך אזוי גוט עמיצער אנדערש און נישט יאָסיף. כאָטש איך זע אין אייערע אויגן אן אָפּגלאַנץ פון אן אנדערער אומבאוואוסטער אסאָציאציע. זי קומט די אסאָציאציע, פון דעם וואס איר ווייסט וועגן אונדזער גרויסער אויסערגעוויינלעכער פריינטשאפט מיינער מיט יאָסיף'ן, און פון זיין פלוצימדיקן ארויסשווימען אין קריטישן מאָמענט... אָבער אייער קלאָרער ראציאָנאליזם איז דאָך פאָרויס אין צייט פאר אָ דער עמאָציע, און אייער וואונטש צו רו ברענגט אייך צום וועלן זי גובר זיין. איר זאָגט, אַלזאָ: צופאל. מסכים. אָבער דאָס וואָס מיך וואונדערט אין מיין פאסירונג איז א דעטאַיל, וואָס כ'האָב פארגעסן אייך צו דערציילן און בעט ביי אייך דערפאר אנטשולדיקונג.

די זאַך איז די, מאַדאַם, וואָס דער יאָסיף, וועמענס קאָפּ ס'האָט מיר דערשינען ווי א דערלייכטערונג אין יענעם שווערן מאָמענט, איז נישט געווען מיין אינטימער פריינט יאָסיף, נאָר אן אנדערער. און דאָ הויבט זיך אָן פאר מיר דאָס קשה'דיקע און אומקלאָרע.

ווי איר ווייסט, מאדאם, האָב איך אמאָל א צייט-לאנג פארבראכט אין אַ דאָרף. מיין לאגע דאָרט איז געווען א מין אָפיציעלע, עפּעס כמו ווי א פריץ... און דאָס, צוזאמען מיט מיין יידישקייט האָט געשאפן א געוויסן באריער צווישן מיר

און די פויערים. איך קען נישט זאָגן אז ס׳איז געווען א שנאה צו מיר, אָבער א געוויסער חשד — יאָ. עס איז אייך צו ווייניק באקאנט דער כאראקטער פון דער פויערים-מאסע און ס׳איז א שאָד. דאָס איז א גאנץ אַנדערער עלעמענט ווי דער וואָס איר קענט אים. איר מוזט וויסן אז פויערים האבן פיינט שוואכע מענטשן... בקיצור, איך האָב זיי געבראַכט צו רעספעקטירן מיך. קיין שנאה האָט שוין נישט געקענט זיין, אָדער זי איז פארשטויסן געוואָרן ערגיץ אין אונטערבאוואוסטזיין, ווי איר האָט ליב צו זאָגן. איך האָב דאָך געהאט עטלעכע פריינט, אויף וויפל דאָס לאָזט זיך אונטערפירן אונטער דער דעפיניציע, לויט אונדזער שטאָטישן באגריף... צווישן די „פריינט" איז אויך געווען איינער א — יאָסיף.

ער האָט נישט פארמאָגט קיין שום באַזונדערע מעלות אַט דער יאָסיף. אמת, ער איז געווען זייער א אַרבייטזאמער און זייער אַן אָרענטליכער. אָט די צווייטע מעלה איז א יקר-המציאות צווישן פויערים. אַך, מאדאם, עס שאָקירט אייך אביסל, אָבער וואָס ווילט איר? איר קענט דאָך פויערים נאָר פונם ביכל.

ער איז געווען, דער יאָסיף, דער איינציקער אָרענטליכער פויער צווישן טויזנט פונם דאָרף, אריינגערעכנט שוין דעם לערער מיטן גלח. קיינמאָל נישט געזאָגט קיין ליגן, קיינמאָל נישט געוואָלט אָפנארן, קיינמאָל נישט געגנבעט. און דערביי לחלוטין נישט פרום, נישט קלויסטער-פאָרכטיק. און נאָך א מעלה: לחלוטין ריין פון יידן-האס. און דאָס איז שוין גאָר א זעלטנהייט, מאַדאַם. ער איז געווען א בונטאר... שטענדיק נישט צופרידן מיט דער מאכט, אָבער נישט קיין יאַבעדניק. עפעס האָט געבויבלט אין זיין מוח א אידעע פון גערעכטיקייט, אָבער נישט די אידעאַליסטישע וואָס איר קענט, נאָר א שטיק ממשות, ווי ס׳איז ממשותדיק די ערד, וואָס מען אַקערט.

קיין באזונדערע באציונגען האָב איך מיט אים נישט גע־האט. ער פלעג מיר ברענגען פון שטאָט וואָס כ׳האָב באַדארפט, פלעג מיר פירן פונם וואַלד האָלץ אויף ווינטער. כ׳פלעג איבערשיקן געלט מיט אים און היבשע סכומים. ער פלעג אריינקומען צו מיר און זיך פארהאלטן אמאָל לענגער, וועלנדיק פון מיר געוואויר ווערן עפּעס פון פּאָליטיק. צום באדויערן, כאָטש ער איז מיר געווען סימפּאטיש פאר זיין אָרענטלעכקייט, זענען מיר זיינע באזוכן נישט געווען אַנגענעם. ער איז געווען שמוציק, עפּעס א שלעכטער שווייס האָט געטראָגן פון אים. און באזונדערס דערווידער איז מיר געווען זיין קאָפּ. ער האָט אהיימגעבראכט פון דער מלחמה עפּעס א חולאת אויפן קאָפּ, א אומהיילבארע. מעגלעך, אז זיין אויסערן איז געווען א רעזולטאט פון זיין בחורישן לעבן. ער איז געבליבן אן אלטער בחור טאקע צוליב דעם חולאת, ה׳האָט נישט געוואָלט חתונה האָבן.

איך מוז צוגעבן נאָך איין שטריך וואָס איז מיר געווען אין אים באזונדערס געפעלן: ער איז לחלוטין נישט געווען סערוויל... אָבער אויך נישט קיין עזותניק, ווי ס׳פלעג מיר וועלן איינרעדן מיין שכן דער לערער.

איך האָב מיך ארויסגעצויגן פונם דאָרף און היבשע עטלעכע יאָר האָב איך אים נישט געזען, ס׳הייסט ביז היינט צו טאָג האָב איך אים נישט באגעגנט. איך האָב פאר דער צייט דורכגעמאכט, ווי אייך איז באוואוסט, „א היבש ביסל״. כ׳האב א וועלט ארומגערייזט און בכלל... און אָט אנומעלטן ווען כ׳האָב געהאט די פאסירונג, איז מיר ז י י ן ק אָ פּ ארויסגעשווימען ווי א דערלייכטערונג אין דער קריטישער מינוט פון סכנה...

— איר זאָגט, מאדאם?.. אַ! איר פרעגט וויאזוי איז ער מיר ארויסגעשווימען, אז כ׳האָב אַקאָרשט געזאָגט, אז כ׳האב אים ביז היינט נישט באגעגנט? אַנטשולדיקט, איך האָב

װידער פאַרגעסן, װײַזט אױס, אַ דעטאַל: די פּאַסירונג האָט זיך פאַרלאָפן אין שלאָף, עס איז געװען א חלום...

מאדאם, איך בין כלל נישט מסכים מיט אײַך, כ׳מײן: מיט אײַער געלעכטער. די זאך איז פאר מיר זײער ערנסט טאקע דערפאר, װײל ס׳איז געװען א חלום. אין חלום זענען מיר אָן צװײפל אױפריכטיקער װי אויף דער װאָר. באקעטער. פארװאָס האָט מיר מײן אונטערבאװאוסטזײן צוגעטראָגן גראָד דעם יאָסיף׳ן און נישט מײן אינטימען פרײנט יאָסיף, מיט װעלכן איך טײל פרײנטשאפט שוין אזױפיל יאָרן (און האָפענטליך ביזן סוף פון מײנע טעג)? װער װײסט, מאדאם, װאָס סע טוט זיך בײ אונדז ערגיץ דאָרטן אין די פארבאָר- גענע װינקעלעך! עס דארף אײַך דעריבער נישט װאונדערן װאָס, כאָטש כ׳האב מיט אײַך מסכים געװען אין אזױפיל זאַכן און באזונדערס אין ענין פון יענע מאָבילן װאָס ברענ- גען אונדז צו מעשים, — זאָג איך אז עס זענען נאָך פאראן סענטימענטן װאָס װאקסן אויף גאנץ אנדערע צװײגן פון אונדזער אינערליכן װעזן.

אנטשולדיקט מיר דעריבער מײן — װי רופט איר עס — אָפּנײג. איך מײן, אז מענטשן מוזן האבן אָט די שװאכקײטן — סענטימענטן. און װען די דאָזיקע באקומען באװאוסטזין-פאָרם, בילדן זײ דאָס, װאָס אויף דער אלטער שפּראַך האָט עס געהײסן: חוב, מאָראלישער חוב (אנטשול- דיקט מיר מײן באנאליטעט!). עס מוז זײן א אנטיטאָקסין צום פּאָעטישן אידעאליזם, און דאס איז א אנדער מין אידעאליזם. ער שװעבט נישט אין די הימלען, אבער ער איז מענטשלעך. און אט פון דעם קוק, מאדאם, קומט אױס, אז אנדערש איז נישט מענטשלעך.

אין אט, בנוגע דעם װאס מיר האבן געשמועסט, מײן איך אז עס װאָלט געװען גלײַך מיר זאָלן אונדז שײדן... אויף א צײט. כאָטש ס׳איז דאך קלאר, אז איך בין מיט אײַך אײנ- שטימיק אין אזױפיל און אזױפיל... כמעט אין אלעמען...

# אינהאלט:

זייט:

די ווינער קאַרעטע . . . . . . . 3
פעטער טאָם׳ס שטיבל . . . . . . 45
איוב און חברים . . . . . . . 57
רוזשאנקע . . . . . . . . . 73
אבשלום . . . . . . . . . 79
אויפן סטעפ . . . . . . . . 89
געשיכטן מיט שלמה דעם לאנגען:
I. דער טויגער . . . . . . . 107
II. האַמאַן . . . . . . . . 123
III. ביי מענדעל שרייבער . . . 133
די הייליקע נאַסטאַסיע . . . . . 143
פריינס שאפט . . . . . . . . 151